בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם

ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**

מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

**~ אידיש ~**

קונטרס כ"ט, וארא - בא תשע"ט

# תוכן השיעור


'תן עיניך במשפחה'

"ס'איז א וואויל אינגל"!

"דער ארון איז אין מעזיבוש"!

'בית צדיקים יעמוד'

"עס איז זייער גוט פרום צו זיין צווישן זיי"!

'נעלם בתכלית ההעלם'

'קץ הפלאות'

'נכספתי להמשיך את העולם אל עשיה'

'הכלי שמנגן'...

'שיבואו על קברו תמיד'!...

'ראה לפני מי אתה נכנס'!

'תבר גזיזי דברדא'

'המקיים את התורה מעוני'

'כל הדר בארץ ישראל'...

*

'את אשר יאהב ה' יוכיח'

'אנפין נהירין'

'עשה לי מטעמים כאשר אהבתי'

'דיבור בלא דעה' - 'דיבור בדעה'

'יפה צעקה לאדם'

'אנו עמלים'...

'גדול תלמוד שמביא לידי מעשה'

"איר האט געהאט א רבי'ן"...


להאזין אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

(ארה"ב; **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את מס' הנ"ל)

**לשמוע השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 29**


©

כל הזכויות שמורות



**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל;**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק; **072-257-3456**)


**כמו כן ניתן להתקשר במספר הנ"ל כדי להשתתף בהוצאות הקונטרס כי רב היא וזכות הרבים תלויה בו**

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;

**Rlyb148@gmail.com**

# פרשת ויקהל, תשל"ד

### - ובו שיעור בספה"ק ליקוטי מוהר"ן תו' ע"ד -

(טייפ מס' 25#)

## 'תן עיניך במשפחה'

(חסר ההתחלה, מספר מענין מה שפעם דיבר הבעש"ט הק' עם תלמידו רבי נחמן הארידענקע'ר בענין להשתדך עמו, אולם רבי נחמן לא רצה מחמת גודל יחוסו שהגיע עד דוד המלך)[א]

- - - (רבי נחמן איז געווען א יחסן) **אזוי גרויס, אז ער האט זיך אנגערופן** (צום בעל שם טוב); **"פאר א רבי'ן שטייט איר מיר אהן, פאר קיין מחותן נישט"!** ווארן איך האב מער יחוס פון אייך! דעמאלטס האט דער 'בעל שם טוב' געוויזן 'זיין' יחוס ביז רבן גמליאל הזקן, און דארטן איז שוין ידוע'דיג - אז פון רבן גמליאל הזקן גייט עס צו ביז דוד המלך!

דאס אייגענע איז געווען ביים רבי ר' שמעלקא, ביי איהם איז געווען א טאכטער, און ער איז געווען ביים מגיד, דער מגיד האט געהאט א זוהן - דער 'מלאך', האבן גערעדט די (תלמידים); "רבי, זייט זיך משדךביידע, רבי שמעלקא איז דא עפעס" - זאגט ער (המגיד) "נו, רעדט נאר מיט דעם 'עניו', ער וועט זיך וועלן מיט מיר משדך זיין"?! מען האט גערופן דעם עניו - דער רבי ר' שמעלקא, האט רבי שמעלקא געזאגט; "אוודאי נישט, איך בין מער מיוחס פון איהם"!

ער איז געווען אן אייניקל פונעם של"ה הק' 'בן אחר בן', "הורוויץ", האט ער זיך נישט געוואלט משדך זיין! האבן זיך אלע ביידע ברידער משדך געווען די קינדער - רבי פנחס מיט רבי שמעלקא, רבי פנחס דער 'הפלאה'.

האט געזאגט דער מעזריטשע'ר מגיד; "נו, רעדט נאר מיט דעם עניו, ער וועט זיך וועלן מיט מיר משדך זיין"?!

---

[א] עי' שיח שרפי קודש ח"ב אות ש"ג.

ער איז געווען זיינער א רבי! פון ניקלשבורג איז ער געפארן קיין מעזריטש, דאס איז א 'נסיעה', דאס - אה אה אה, זייער ווייט, איז ער געפארן, און ער האט געוואוסט ווער דער מגיד איז, אלעס האט ער געוואוסט, נאר - משדך זיין 'נישט'!

*

ס'איז א גמרא דא,[ב] רבי יוחנן האט געזאגט; "אז מיין תורה איז ביי דיר אזוי חשוב, פארוואס ווילסטו זיך נישט משדך זיין"? א גמרא, אויף רבי יוחנן, איינער א תלמיד האט איהם איבער געפירט איבער א טייכל - האט ער איהם איבערגעפירט אויפ'ן אקסל, איבערגעפירט רבי יוחנן איבער'ן טייך, ס'איז געווען 'כבוד התורה'.

רופט זיך אהן רבי יוחנן "אז מיין תורה איז ביי דיר חשוב, פארוואס ווילסטו זיך נישט מיט מיר משדך זיין"? האט ער איהם אויך געזאגט דאס אייגענע, "ווייל ער איז מער מיוחס"!

*

(השואל; וואס איז געווען דא מיט רבי נחמן הארידענקער מיט'ן בעש"ט? די אנהויב האב איך נישט געהערט), דער בעל שם האט געזאגט; "וואס וועט זיין מיין שדכנות"? ער איז א שדכן געווען, ער האט גערעדט דעם שידוך, דער בעל שם האט גערעדט א שידוך - די גביר'טע פאר רבי נחמן הארידענקער, שוין, איז געווארן א שידוך, האט דער בעל שם טוב געזאגט; "נו, וואס קומט מיר שדכנות דערפאר"? ער איז געווען דער שדכן - דער בעל שם.

האט ער געזאגט (הבעש"ט) "אז ביי מיר וועט זיין א מיידל, און ביי דיר וועט זיין א אינגל וועלן מיר זיך ביידע משדך זיין"! רופט זיך אן רבי נחמן; "פאר א רבי'ן שטייט איר מיר אהן, אבער פאר קיין מחותן נישט! איך האב יחוס ביז דוד המלך"! דעמאלטס האט דער בעל שם איהם געוויזן זיין יחוס, אז ער קומט ארוים פון רבן גמליאל הזקן, און רבן גמליאל איז שוין פון דוד המלך.

(א' מהנוכחים; רבי שמואל הורוויץ איז 'בן אחר בן' פונעם שלה"ק) יא, אוודאי, 'בן אחר בן' פונעם של"ה הק'!

---

[ב] קידושין דף ע"א ע"ב.

(א' מהנוכחים; דער רבי זאגט אין ספר המידות אז יחוס איז א גרויסע זאך), "קשה לבטל כח היחוס", ס'איז שווער מבטל זיין כח היחוס![ג]

אפילו 'רבי עקיבא', רבי עקיבא איז געווען אזוי גרויס, מען האט געמאכט רבן גמליאל אוים נשיא, זאל מען נעמען רבי עקיבא - דער גרעסטער?! ער האט נישט קיין יחוס! אז ער האט נישט קיין יחוס - קען איהם רבן גמליאל עפעס טוהן! האט מען גענומען 'רבי אלעזר בן עזריה'.[ד]

רבי אלעזר בן עזריה איז געווען דער צענטער - פון עזרא הסופר, האט מען איהם געמאכט נשיא, ער האט נישט קיין מורא אז רבן גמליאל זאל איהם עפעס טוהן, ווייל ער האט יחוס.

זעהען מיר אז די כח היחוס איז געוואלדיג גרויס, רבי עקיבא איז געווען אזוי גרויס, רבי עקיבא איז געווען דער גרעסטער פון אלע, און מען האט איהם נישט געמאכט פאר קיין נשיא, ווייל ער האט נישט קיין יחוס, קען איהם רבן גמליאל געבן א פסק דערפאר, אבער רבי אלעזר בן עזריה האט נישט קיין מורא - ער האט יחוס!

*

דער רבי האט זיך משדך געווען מיט אלע גדולים, ער האט זיך משדך געווען מיט דער חמעלניק'ער רב,[ה] ער איז געווען אן איידעם ביים 'תולדות' - דער 'רבי אברהם דוב' - אן איידעם ביים 'תולדות'! ער האט זיך משדך געווען מיט 'רבי לייבוש' דער וואלטשיסק'ער רב,[ו] ער איז געווען א תלמיד מובהק ביים מעזריטשע'ר מגיד, ער איז געווען פון די געוואלדיגע גדולים אין דער וועלט! און 'רבי לייב דובראוונער'[ז] איז אויך געווען א גדול!

---

[ג] עי' ספר המדות ערך יחוס אות ג' וז"ל; קשה לפני הקדוש ברוך הוא להעביר ולבטל גדולי היחוס.

[ד] עי' גמ' ברכות דף כ"ז ע"ב.

[ה] בתו של רבינו ז"ל מרת אדל ע"ה נישאה לר' יוסף יוסקא ב"ר אברהם דוב מ'חמעלניק, שהיה חתן בעל התולדות זצ"ל.

[ו] בתו של רביז"ל מרת מרים ע"ה נישאה לר' פנחס ב"ר אריה לייב מ'וואלטשיסק זצ"ל.

[ז] בתו של רביז"ל מרת שרה ע"ה נישאה לר' יצחק אייזיק ב"ר לייב מ'דובראוונע זצ"ל.

מיר האבן א רבי'ן ברוך השם - איז אלעס דא, אי ס'איז דא 'יחוס', אי - ס'איז אלעס דא!

*

# "ס'איז א וואויל אינגל"!

(השואל; רבי נחמן הארידענקער'ס פרוי איז געווען פריער - בזוו"ר - רבי יצחק דראהביטשער'ס פרוי?)

מיט רבי יצחק דראהביטשער'ס[ה] 'שוועסטער' איז געבוירן געווארן 'רבי שמחה', דאס איז רבי שמחה (אביו של רביז"ל) וואס איז געבוירן געווארן.

און זי האט געלעבט איין חודש, נישט מער - די מוטער, נאכדעם אז דאס קינד איז אלט געווען א 'חודש' איז געווען די הסתלקות פון די מוטער!

רבי נחמן - נאכדעם וואס ס'איז געווארן די שידוך, און זיי האבן חתונה געהאט, איז רבי נחמן אוועק, מען האט נישט געוואוסט וואו ער איז. נאך די חתונה - נאך די חופה, איז ער אוועק!

איז זי געקומען צום בעל שם און געזאגט; "וואס איז דאס?! איך האב געוואלט נעמען אייער א מענטש, און נאכדעם זאל ער אוועק"?! (ענה לה הבעש"ט); "ער וועט קומען! ווארט נאר צו ביז ער וועט קומען! ער וועט קומען וועל איך איהם פרעגן - וואס דאס איז"!

איז ער געקומען האט איהם דער בעל שם געפרעגט; "נחמן, וואס איז דאס"? האט ער געזאגט; "ער זעהט ארויס - אז זי וועט האבן א קינד, דארף זי גיין פון די וועלט! זאל זי נאך לעבן, זאל זי נאך לעבן אביסל"!

(השואל; רבי נחמן איז געקומען אסאך שפעטער, אדער אינעם זעלבן טאג?) ער איז געקומען ווען ער איז געקומען. (השואל; איך האב אמאל געהערט - איינער א פוילישער האט מיר געזאגט איך ווייס דארטן - 'יארן') ניין ניין, ער איז געקומען אלעמאל צום בעל שם, ער איז דאך געווען א תלמיד, האט דער בעל שם געזאגט; "ווארט צו, ער קומט אלעמאל, ער וועט קומען צו מיר"!

האט דער בעל שם צו איר געזאגט - "אז אזוי זאגט ער" (שתסתלק ח"ו).

---

[ה] רבי יצחק מ'דראהביטש, אביו של רבי מיכל'ע זלאטשוב'ער, ובנו של רבי יוסף ספראווידלוב'ער זצ"ל.

(ענתה על זה זוגתו); **אויב איז ער אזא מענטש, באשטייט זי! באשטייט זי! אבי - אבער א קינד פון איהם!**

בשעת ווען ס'האט געדארפט זיין די לידה, האט רבי נחמן הארידענקער געזאגט; "איצטער איז א עת רצון, וואלט זי געקענט פועל'ן"! - זי האט געבעטן דעם אויבערשטן בשעת די לידה "זאל איך כאטש קענען דאס קינד א חודש", האט רבי נחמן געזאגט; "איצטער איז א עת רצון, וואס זי קען פועל'ן אויף 'כסדר', נאר 'זאגן' קען מען איר נישט"! זי האט געבעטן א 'חודש', האט זי גע'פועל'ט אויף א 'חודש'![ט]

נאך א 'חודש' איז דאס קינד געווארן א יתום, ממילא איז דאס קינד געוואקסן געווארן גאר אין מעזיבוש, האט עס געהייסן אזוי ווי ער איז געוואקסן געווארן ביים בעל שם! דער בעל שם האט איהם מגדל געווען!

*

- - - האט אמאל דער בעל שם א זאג געגעבן צו אדל'ען; **"ס'איז א וואויל אינגל"** - אויף 'רבי שמחה', "ס'איז א וואויל אינגל" - -

די שידוך (של רבי שמחה עם 'פייגא' - בתה של אדל'ע) איז געווארן שפעטער, נאכן בעל שם'ס הסתלקות - - איך האב געהערט אז ער איז אלט געווען 'צעהן יאר' ווען דער בעל שם איז נסתלק געווארן - 'רבי שמחה', און די שידוך איז געווארן שפעטער מיט עטליכע יאר, האט זי (אדל'ע) געזאגט; "וואס האט דער טאטע עפעס געלויבט מיר אז ער איז א וואויל אינגל?! מסתמא האט ער געמיינט אז איך זאל איהם נעמען פאר א חתן"!

- - כאטש דער שידוך איז נאך געווארן פריער (היינו שכבר מזמן רב שנשתדכו יחד הבעש"ט עם רבי נחמן הארידענקע'ר כמסופר לעיל), אבער פונדעסטוועגן - יעדער זאך גייט צו מיט א סיבה, "אז דער טאטע האט געלויבט אז ער איז א וואויל אינגעל, האט ער געמיינט איך זאל איהם נעמען פאר א חתן", - איז געווארן די שידוך!

(השואל; קומט אויס למעשה האט שוין דער בעל שם גערעדט מיט רבי נחמן הארידענקער פון דעם?)
**יא יא, נאך פריער גערעדט!**

---

[ט] עי' שיש"ק ח"ב אות רס"ב, ובח"ו אות כ"ח.

ס'איז גרויסע גרייזן דא, מען זאגט אז רבי שמחה'ס מוטער איז געווען א 'פרענקינע' (מבנות עדות המזרח), דאס איז א געוואלד'יגער טעות, ס'איז א שקר גמור, ס'הייבט זיך נישט אהן ס'לאזט זיך נישט אוים!

און זיי זאגן אז רבי נחמן הארידענקער איז געפארן קיין ארץ ישראל נאך בחיי הבעל שם, ס'איז אויך א גרויסער שקר!

*

# "דער ארון איז אין מעזיבוש"!

בחיי הבעל שם האט זיך רבי נחמן הארידענקער געריסן אויף ארץ ישראל, ער האט געוואלט פארן אויף ארץ ישראל נאך בחיי הבעל שם, און דער בעל שם האט האט איהם אלס אפגעשטופט.

אמאל איז ער אריינגעגאנגען צום בעל שם, "ער וויל שוין פארן קיין ארץ ישראל"! (אמר לו הבעש"ט) "נו, גיי'זשע אין מקוה פון פריער"! ער איז געגאנגען אין מקוה אריין, ער איז געקומען, זאגט איהם דער בעל שם, "נחמן - וואס האסטו געזעהן אין מקוה"? "ער האט געזעהן ארץ ישראל"! ער האט זיך נאכאמאל געטונקען - האט ער געזעהן "ירושלים"! און ער האט געזעהן דעם "קדשי קדשים"! נאר דעם "ארון" האט ער נישט געזעהן, ווייל דער "ארון איז אין "מעזיבוש"! - דאס האט איהם דער בעל שם געזאגט, "**דער ארון איז אין מעזיבוש**"! שוין, איז ער ווייטער נישט געפארן.

מען האט איהם געוויזן אלעס, נאר דעם 'ארון' האט מען איהם נישט געוויזן, "דער ארון איז אין מעזיבוש"!

(השואל; 'רבי געצע' שרייבט עס צו רבי שלמה וועקסלער - ער האט דאך נישט געוואלט ארויספארן פון ארץ ישראל, זאגט ער איהם, "געדענק אז דער ארון איז אין מעזיבוש"! [לרמוז על ציון רביה"ק באומאן]) **יא.**

*

נאכ'ן בעל שם'ס הסתלקות, איז ער געווען אסאך מאל ביים בעל שם הקדוש אויפ'ן ציון, ער האט אלס געבעטן "ער וויל פארן", און דער בעל שם האט אלס נישט מסכים געווען ער זאל פארן קיין ארץ ישראל!

אמאל איז ער געווען - עס שטייט שוין געדרוקט - מיט איינער פון די גדולים פון די תלמידי הבעל שם - איך געדענק נישט ווער, איז ער אראפ געגאנגען מיט א שמחה (פונעם ציון) "איצטער האט דער בעל שם מסכים געווען איך זאל פארן אויף ארץ ישראל"!

זיי זענען דארטן געווען ביידע צוזאמען ביים בעל שם, (אמר חבירו לו); "פארוואס האב איך גארנישט געהערט דער בעל שם זאל אזוי זאגן"?! (אמר לו רבי נחמן) "דו האסט גארנישט געהערט?! דער בעל שם האט מסכים געווען איך זאל פארן"! מיט א שמחה! דאס איז געווען.[י]

נאר וואס דען, איך האב געהערט אז ער האט חתונה געמאכט רבי שמחה, נאכדעם איז ער אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל, פריער נישט.

*

# 'בית צדיקים יעמוד'

און אדל'ע איז געווען ארים, זי האט נישט געהאט קיין שטוב אוועקצוגעבן (פאר נדן לרבי שמחה ובתה פיגא), אמאל איז געווען אז דעם חתן האט מען געגעבן א וואוינונג, מען האט איהם געגעבן קעסט, דער חתן איז געווען א גאנצע יחוס, מען האט איהם געגעבן א וואוינונג, אבער זי (אדל'ע) האט נישט געהאט.

און רבי הירש (בן הבעש"ט) איז געווען א גביר, ער איז געווען א סוחר פון אקסן, ער איז געווען א פארמעגליכער, ער איז געווען א פארבאהאלטענער צדיק, ער איז געווען א סוחר, האט ער נישט באדארפט האבן די דירה (של הבעש"ט), ער האט געהאט געגוג, האט זי גע'ירש'נט דעם בעל שם'ס דירה - אדל'ע, האט זי אוועקגעגעבן רבי שמחה'ן דעם וואוינונג פונעם בעל שם, און דארטן האבן זיי געוואוינט, און דארטן איז געבוירן געווארן דער רבי![יא]

*

---

[י] עי' שיש"ק ח"ה אות תע"ד.

[יא] עי' שיש"ק ח"ב אות ש"ח.

ס'איז געווען הויכע סארטן מענטשן, אלעס 'הימל מעשיות', אבער ס'איז געווען מלובש אין א דרך הטבע, די הפקרות (מהעולם הזה) איז געווען הפקרות מיט א לבוש.

דעם רבי'נס שידוך - דער רבי אפרים (חותן רביז"ל) איז געווען אין 'אוסיאטין' - ס'איז דא א שטאט אוסיאטין אין גאליציע, און ס'איז דא אוסיאטין לעבן טשעהרין - לעבן מעדוועדיווקע, דארטן איז דא א דארף 'אוסיאטין' לעבן אלכסנדראווקע, ער איז געווען א גרויסער מכנים אורח - דער רבי אפרים, אלע צדיקים זענען ביי איהם איינגעשטאנען, נו האבן זיי גערעדט פאר איהם - דעם רבי'ן.

*

## "עס איז זייער גוט פרום צו זיין צווישן זיי"!

(השואל; אין אייערע צייטן איז נאך געווען א דארף אוסיאטין?) יא! ס'איז א דארף לעבן טשעהרין, איך בין דארט נישט געווען, נאר "רבי אברהם ר' נחמנ'ס" איז דארט געווען, ער איז אומעטום געווען, אין די אלע געגענטער דארטן, פון טשעהרין, מעדוועדיווקע, אלכסנדראווקע, און נאך.

דאס איז אלס די אלע פעלדער וואס דער רבי האט זיך מתבודד געווען, ס'איז געווען א שטח פון אסאך קילאמעטער, דארט האט דער רבי זיך מתבודד געווען אין די אלע ערטער, (ואמר) "מיט זיי צוזאמען איז זייער גוט פרום צו זיין - מיט די גרעזליך - **צווישן זיי איז זייער גוט פרום צו זיין! יעדע גרעזעלע זאגט שירה צום אויבערשטן"!**[יב]

דער רבי האט א זאג געגעבן צו רבי שמעון'ען, **"וואס האט מיר געטויגט די פירסום?! דא האב איך געפילט - 'בכל פסיעה ופסיעה' האב איך געפילט**

---

[יב] עי' חיי מוהר"ן אות קס"ג; ... עָנָה רַבֵּנוּ ז"ל וְאָמַר: אִם הָיִיתָ זוֹכֶה לִשְׁמֹעַ אֶת קוֹל הַשִּׁירוֹת וְהַתִּשְׁבָּחוֹת שֶׁל הָעֲשָׂבִים, אֵיךְ כָּל עֵשֶׂב וְעֵשֶׂב אוֹמֵר שִׁירָה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּלִי פְּנִיָּה וּבְלִי שׁוּם מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת וְאֵינָם מְצַפִּים לְשׁוּם תַּשְׁלוּם גְּמוּל, כַּמָּה יָפֶה וְנָאֶה כְּשֶׁשּׁוֹמְעִין הַשִּׁירָה שֶׁלָּהֶם, וְטוֹב מְאֹד בֵּינֵיהֶם לַעֲבֹד אֶת ה' בְּיִרְאָה. (וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז: עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט פְּרוּם צוּ זַיין צְווִישְׁן זֵייא).

טעם גן עדן"! דאס האט אלס דער רבי גערעדט פון די אלע דערפער, ער האט אנגעוויזן 'דא דא'![יג]

*

## 'נעלם בתכלית ההעלם'

פאר די חופה האט דער רבי זיך פאר איר (לזוגתו) יא ארויסגעוויזן ווער ער איז (כי לפני העולם היה מסתתר מאוד, כדלהלן), נאר ער האט איר באשוואוירן זי זאל נישט זאגן - אזוי האב איך געהערט - אז נישט וואלט נישט געקענט זיין וואס ס'איז געווען![יד]

אודאי, אוודאי, פאר די חופה האט ער זיך א באוויז געגעבן פאר איר, און ער האט איר באשוואוירן, אז זי זאל נישט דערציילן! שוין, אז נישט וואלט נישט געקענט זיין - וואס דער רבי האט געוואלט, וואלט נישט געקענט זיין בשום אופן.

כאטש זי האט געליטן דערפון, דער שווער האט אביסל - (לא עמד על גדולת חתנו - רביז"ל), אבער זי איז געווען א מושבע ועומד, מושבע ועומד מהר סיני, שוין, דאס איז דאס! דעמאלטס האט דער רבי געקענט זיין א רבי.

דער 'הצנע לכת' פונעם רבי'ן איז געווען געוואלדיג גרויס, פון די חידושים - פון די וועלט'ס חידושים, ווי דער רבי האט זיך באהאלטן, אזוי פארבאהאלטן - געוואלדיג, ס'איז אויך פון די חידושים פון דעם רבי'נס גרויסקייט, זיך קענען אזוי פארבאהאלטן זיך.[טו]

*

---

[יג] עי' חיי מוהר"ן אות ק"ז; וְסִפֵּר רַבִּי שִׁמְעוֹן, שֶׁפַּעַם אַחַת אַחַר שֶׁנַּעֲשָׂה מְפֻרְסָם, נָסַע עִם רַבֵּנוּ ז"ל דֶּרֶךְ כְּפַר אוֹסְיַאטִין, שֶׁשָּׁם יָגַע רַבֵּנוּ ז"ל בַּעֲבוֹדָתוֹ הַגְּדוֹלָה בְּבֵית חוֹתְנוֹ שֶׁהָיָה דָּר שָׁם, וְנָסַע עִמּוֹ דֶּרֶךְ הַשָּׂדוֹת וְכַיּוֹצֵא, וְהָיָה רַבֵּנוּ ז"ל מִתְגַּעְגֵּעַ מְאֹד וְאָמַר, כַּמָּה הָיָה טוֹב לְפָנַי בְּכָאן, כִּי בְּכָל פְּסִיעָה וּפְסִיעָה הִרְגַּשְׁתִּי טַעַם גַּן־עֵדֶן. כִּי שָׁם בְּאֵלּוּ הַדְּרָכִים הָיָה רָגִיל לֵילֵךְ וּלְהִתְבּוֹדֵד, וְהָיָה מֵצֵר וּמִתְגַּעְגֵּעַ מְאֹד, וְאָמַר הֲלֹא כָּאן הָיָה טוֹב לְפָנַי מְאֹד, וְלָמָּה לִי הַפִּרְסוּם שֶׁל עַכְשָׁו. גַּם עוֹד פַּעַם אַחַת סִפֵּר בְּפָנַי, שֶׁבִּהְיוֹתוֹ בִּימֵי נְעוּרָיו כְּשֶׁהָיָה מִתְבּוֹדֵד בְּאֵיזֶה מָקוֹם בַּיַּעַר אוֹ בַּשָּׂדֶה, כְּשֶׁחָזַר מִשָּׁם הָיָה כָּל הָעוֹלָם חָדָשׁ בְּעֵינָיו, וְנִדְמָה לוֹ כְּאִלּוּ הוּא עוֹלָם אַחֵר לְגַמְרֵי, וְלֹא הָיָה הָעוֹלָם נִרְאֶה בְּעֵינָיו כְּלָל כַּאֲשֶׁר מִקֹּדֶם.

[יד] עי' שבחי הר"ן אות י"ט.

[טו] עי' שבחי הר"ן אות י"ג.

(א' מהנוכחים; דער רבי איז יעצט אויך פארבאהאלטן פון די וועלט!) **אה, ער איז יעצט אויך פארבאהאלטן! איצטער אויך פארבאהאלטן! איצטער אויך א גרויסע סוד! אפילו ביי אונז אליין איז אויך א סוד! כאטש מיר הייסן 'קלאמפירשט' אנגערופן אויף דעם נאמען, אבער ער איז א גרויסער סוד!**[טז]

'רבי נתן' האט אביסל געוואוסט פונעם רבי'ן! דער רבי האט דאך געזאגט; "**וויסן פון מיר ווייסט נאר נתן, נפתלי אביסל**"![יז]

- ביי אונזערע לייט איז דא חילוקי דיעות צו דער רבי האט געזאגט, "נתן - און נפתלי אביסל"! צו דער רבי האט געזאגט 'נתן נפתלי - אביסל' - גייט ארויף אויף ביידע.[יח]

דער רבי פלעגט איהם רופן, נת'לע נת'לע!

*

# 'קץ הפלאות'

(השואל; ס'איז געווען עפעס - "רבי זלמן דער קליינער" האט געזאגט פאר רבי נתן; "איך האב א זאך וואס איר ווייסט נישט"?!) "רבי זלמן דער קליינער",[יט] יא, דער רבי האט איהם געשיקט נעמען די 'הסכמות', א גאנץ יאר האט עס געדויערט, ער איז געווען אין פוילן, ער איז געווען ביים "קאזניצ'ער מגיד", ער איז געווען ביים "חוזה", ער האט גענומען די הסכמות.

---

[טז] עי' חיי מוהר"ן אות פ"ג, אות רמ"ו, אות תקע"ט, וז"ל בספר חיי מוהר"ן כת"י מוהר"ר נפתלי זצ"ל בהקדמה; והוכפל והושלש הדבר, שכל המבואר כאן אינו אפילו כטיפה מן הים הגדול משבחיו הגדולים והנוראים, כי שבחיו באמת נעלם מעין כל חי, כי היה סתום ונעלם בתכלית, והצדיק מתדמה ליוצרו וכו', על כן רשות לומר עליו מה שאמר אליהו להש"י לית דידע בך כלל, וכל מה שזכינו לידע ולהשיג קצת קצת מגדולתו ומשבחיו ומעוצם הפלגת יקרת קדושת מעלתו, הוא רק בבחינת מטי ולא מטי וכו', והכריח עצמו בכל מיני כחות לגלות את עצמו קצת בעולם, למען יוכלו בני ישראל לינוק קצת ממנו, למען לא יהי' האור נעלם לגמרי וכו'.

[יז] עי' כוכבי אור - חכמה ובינה אות כ"א, ועי' אבני"ה ברז"ל - שיחות וסיפורים מרביז"ל, אות י'.

[יח] עי' חיי מוהר"ן בתחלת ההקדמה וז"ל; וְאָמַר בְּפֶה מָלֵא שֶׁאֵין מִי שֶׁיּוֹדֵעַ מִמֶּנּוּ כִּי־אִם אָנֹכִי מְעַט.

[יט] מחשובי תלמידי רביז"ל.

האט ער געזאגט פאר רבי נתן'ען; "איך ווייס אזוינס פונעם רבי'ן - וואס איר ווייסט נישט"! נאר וואס דען - ער האט נישט געקענט אויסזאגן! (שציוה לו רבינו שלא לספר) פונעם רבי'ן - אז ער זאל נישט אויסזאגן!

האט רבי אברהם ר' נחמנ'ס געזאגט; **"כאטשיג מיר ווייסן דאך נישט, אבער מיר פארשטייען וואס"!**

אז דער רבי איז געווען אין די צייטן וואס דער 'חוזה' האט פארלייגט אויף משיח'ן - דער 'חוזה' מיטן 'קאזניצער מגיד' - זיי האבן זיך פארלייגט מיט כוחות 'מען מוז ברענגען משיח'ן'! (ואמר ר' אברהם); מיר ווייסן אז דער רבי האט זיי איבערגעגעבן זיי זאלן זיך נישט שפארן! אזוי האט רבי אברהם ר' נחמנ'ס געזאגט; "כאטשיג מיר ווייסן נישט, אבער מיר פארשטייען"! דאס הייסט אז זיי זאלן זיך נישט שפארן אויף דער זאך![כ]

*

(השואל; ס'איז נישט געווען אין אומאן צייטן וואס מען האט געמיינט, 'אט קומט משיח'?) (רבי נתן האט) געזאגט; **"מיין משיח איז שוין געקומען"!**[כא]

אבער ס'איז געווען צייטן - אין אונזערע צייטן איז אויך געווען ממשות'דיגע זאכן וואס מען האט געמיינט, 'אט ווערט מען געהאלפן'!

"רבי אברהם ר' נחמנ'ס" איז געווען אין שוהל, און ס'האט געקאכט א פייער, דעם "רבי'נס ציון" האט געקאכט, און די "בית המדרש" האט געקאכט, - דער רבי רעדט דארט אין די מעשה פונעם 'בעל תפילה', אן 'אויוון', דאס הייסט 'קעך', און די 'מאכלים' קאכן זיך אפ, אינדרויסן מען זעהט גארנישט, נאר ס'ציהט זיך 'צינורות' פון א 'פייער', אזוי קאכט זיך.

דאס האט מען דעמאלטס געזעהן ממש! ווען מען איז געווען אין 'בית המדרש' איז געגאנגען קולות פונעם 'ציון', און ביים 'ציון' איז געגאנגען קולות פון 'בית המדרש', און ס'האט זיך געקאכט זיך, דאס איז א קאך, א קאך!

---

[כ] עי' שיש"ק ח"ג אות רמ"ז.

[כא] עי' שיש"ק ח"ב אות תשל"ט.

און מען האט געזעהן, ס'איז דעמאלטס געווען גרויסע עובדים, גרויסע עובדים! ס'איז געווען! (והרגשה היה) מען ווערט שוין געהאלפן!

*

# 'נכספתי להמשיך את העולם אל עשיה'

(השואל; אבער יענע צייטן פלעגט מען נישט אסאך ברענגען 'גימטריאות מיט זאכן' [על זמן הגאולה] אזוי ווי היינט?) הער זיך איין, די אלע גרויסע עובדים - איך רעד דאך נישט פון רבי אברהם ר' נחמנ'ס - די אלע גרויסע עובדים האבן נישט געוויסט קיין האלב 'שיחות' וואס א אינגל ווייסט היינט! פארוואס? ווייל דאס איז געווען א 'טפל', דער עיקר איז געווען **'תורה ותפילה', 'תורה ותפילה', 'התבודדות', און טוהן אין די 'זאך'!** (- עבודת השם).

היינט איז געווארן דער עיקר די "שיחות"! נאר שיחות, מיט שיחות, מיט שיחות, מיט שיחות! מען לערנט נישט קיין לקוטי מוהר"ן! מען לערנט נישט קיין לקוטי הלכות! נאר "שיחות"! וואס ער ווייסט מער שיחות - איז ער מער חסיד!

אמאל איז נישט געווען דאס דאזיגע, דער עיקר איז געווען - אידן האבן געהיט די צייט, געדאווענט בכוונה, און געלערנט בכוונה, און די עצות מקיים געווען, און שיחות איז 'אויך' געווען! אבער דאס מאכן פאר א עיקר? דאס איז געווען דער עיקר?!

היינט איז דאס געווארן דער עיקר, און טאמער לערנט מען 'לקוטי מוהר"ן' גייט מען אוועק!... א 'מעשה' וויל מען הערן! דאס איז עפעס א מין - ס'איז א גוטע זאך (מעשיות ושיחות), אבער נישט דאס איז עס אינגאנצן!

דעם רבי'נס זאך - דער עיקר איז עס אין 'עשיה', אין א 'טוהן'! עשיה, טוה, דאווען, לערן, טוה מצוות ומעשים טובים![כב]

אזעלכע מעשיות, וואס ממש קינדער ווייסן היינט די שיחות - ווער האט אמאל געוואוסט פון די שיחות?! גרויסע ערליכע אידן, עובדים, וואס זיי האבן זיך

---

[כב] עי' שיחות הר"ן אות י"ט; וְאָמַר: נִכְסַפְתִּי מְאֹד לְהַמְשִׁיךְ אֶת הָעוֹלָם אֶל עֲשִׂיָּה, שֶׁיִּהְיֶה חִיּוּב אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד לִלְמוֹד כָּךְ וְכָךְ בְּכָל יוֹם וְלֹא יַעֲבֹר וְכַיּוֹצֵא וכו'.

אויסגעלעבט זייערע יארן, צדיקים, און זיי האבן גארנישט געוואוסט די מעשיות! די אנדערע האבן גארנישט דערציילט אזויפיל מעשיות אויך! מען האט דערציילט אמאל רבי נתן'ס גרויסקייט, דעם רבי'נס גרויסקייט, מען האט גערעדט פון אונזערע לייט זייער גרויסקייט, אבער די אלע מעשיות - זיי האבן גארנישט געוואלט דערציילן, מען האט עס נישט געהאלטן פאר קיין עיקר אויך!

(השואל; וויאזוי האט רבי אברהם אזויפיל געוואוסט?) **ער האט געוואוסט!** (השואל; מסתמא דער טאטע 'רבי נחמן טולטשינער' האט איהם געטרויעט צו דערציילן?) **נו, יא, אוודאי פונעם פאטער.**

**ער האט געהאט א גוטע קאפ, די זכרון איז געווען זייער גוט, וואס ער האט געהערט האט ער גערענקט, אבער אסאך סיפורים האט ער נישט געוואלט דערציילן, בשום אופן נישט געוואלט דערציילן, מען האט איהם געפרעגט - ער האט זיך ארויסגעדרייט, ער האט נישט געוואלט דערציילן!**

**די סיפורים וואס ער האט נישט געוואלט דערציילן, דערציילט מען זיי היינט - און איבערגעקערט מיט קאפ אראפ מיט די פיס ארויף... ער האט נישט געוואלט דערציילן און מען דערציילט היינט!**

(השואל; מען האט זיך נישט געקענט עקשנ'ען מיט איהם?) **ניין ניין! איך האב איהם געוואלט פרעגן, שוין, ווייטער, נישט געענטפערט און שוין! א צדיק, אז ער ווייזט א תנועה זאגט מען נישט נאכאמאל, שוין.**

(השואל; פון וואנעט האט מען געוואוסט אז ער ווייסט אלע פרטים פון מגילת סתרים?) **מען האט געוואוסט!**

**אוי אוי, נו, דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אז מיר זאלן מקיים זיין.**

*

# 'הכלי שמנגן'...

(השואל; ווען איז נחום שוסטער[כג] אוועק?) **איך ווייס נישט, ער איז אוועק אינעם יאר פון תרצ"ו.** (השואל; ווען איר זענט געווען אין תפיסה?) **יא.** (השואל; די נאכט האט איר געזעהן אין

[כג] רבי נחום שטראקס ז"ל מאנ"ש באומאן.

**חלום?) יא, איך האב געזעהן "רבי אברהם ר' נחמנ'ס" אין חלום דעמאלטס, און ער האט מיר געזאגט; "איך וויל איינשטיין ביי דיר" - האט ער מיר געזאגט! האב איך איהם געזאגט; "רבי אברהם, איר שטייט דאך איין ביי נחום שוסטער"?! האט ער מיר גארנישט געענטפערט.**

**ווען ער איז געווען (בחייו) איז ער איינגעשטאנען ביי נחום שוסטער, ער פלעגט דאך איינשטיין ביי נחום, (האב איך איהם געפרעגט, אין חלום); "פארוואס ביסטו משנה די אכסניא"?! האט ער מיר גארנישט געענטפערט.**

**אז איך בין אויפגעשטאנען אינדערפרי, טראכט איך "וואס איז דאס עפעס? ווער ווייסט צו נחום שוסטער לעבט"?! אזוי האב איך געטראכט ביי זיך ווען איך בין אויפגעשטאנען, (שפעטער) ווען איך בין געגאנגען דארטן - דארט אין תפיסה לאזט מען ארויס דארטן אויפ'ן (חצר) א צעהן מינוט, האב איך געקוקט דורכ'ן פענסטער, און "ברוך (געצע'ס)" איז געגאנגען דעמאלטס שפאצירן, שרייעט ער אזוי ארויס אונטען מיט א קול; "נחום איז נסתלק געווארן"!**

**איך האב געקוקט דורכ'ן פענסטער, ער האט באמערקט ווי איך קוק פון פענסטער, האט ער ארויסגעשריגן די ווערטער "נחום איז נסתלק געווארן"!**

**וואס האט אברהם'ען געמיינט? ער האט געמיינט אז מען זאל רעדן פון איהם שבחים! (מה שיכול אדם לזכות בעולם הזה ע"י התבטלותו לרביה"ק)![כד] אזוי האב איך פארשטאנען!**

*

**"נחום שוסטער" איז געווען א איש פלא, א פראסטער מענטש האט אזוי גוט געמאכט! אך אך, אך אך, געוואלדיג. ער איז געווען א איש פלא, נחום שוסטער!**

**ער האט מיר געזאגט - רבי אברהם שטערנהארץ - ס'איז געווען שפעטער, נאך רבי אברהם (ר' נחמנ'ס) הסתלקות, ער איז געווען יום כיפור, ער האט גדאוונט**

---

[כד] עי' ליקו"מ תו' ק"מ; בְּיַד כָּל אָדָם יַחְתּוֹם לָדַעַת כָּל אַנְשֵׁי מַעֲשֵׂהוּ (אִיּוֹב ל"ז), כִּי הַצַּדִּיק בְּעַצְמוֹ אִי אֶפְשָׁר לְהַשִּׂיגוֹ כִּי אֵין בּוֹ שׁוּם תְּפִיסָה, כִּי הוּא לְמַעְלָה מִשִּׂכְלוֹ, רַק עַל יְדֵי אֲנָשָׁיו הַמְקֹרָבִין אֵלָיו יוּכַל לְהָבִין מַעֲלַת הַצַּדִּיק, כִּי עַל יְדֵי שֶׁרוֹאִין אֲנָשָׁיו שֶׁהֵם אַנְשֵׁי מַעֲשֶׂה יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים, וּבָהֶם יֵשׁ לָהֶם תְּפִיסָה וְהַשָּׂגָה, כִּי הָעוֹלָם אֵינָם רְחוֹקִים עֲדַיִן מֵהֶם כָּל כָּךְ כְּמוֹ מֵהַצַּדִּיק בְּעַצְמוֹ, עַל כֵּן מִי שֶׁרוֹצֶה הָאֱמֶת אֶפְשָׁר לוֹ לֵידַע מַעֲלַת הַצַּדִּיק עַל יְדֵי אֲנָשָׁיו וכו'.

פארן עמוד יום כיפור, האט ער גענעכטיגט ביי נחום שוסטער, (השואל; רבי אברהם איז געבליבן יום כיפור, נארמאל פלעגט ער נישט בלייבן?) יא.

ער האט גענעכטיגט יום כיפור ביי נחום שוסטער - ביינאכט יום כיפור, האט אברהם דערציילט אינדערפרי - זאגט ער; "איך האב זיך געשעמט פאר נחום'ען, וואספארא נאכט ער האט פארבראכט"! יום כיפור ביינאכט, די בכיות זיינע, "האב איך זיך געשעמט פאר איהם וואספארא נאכט ער האט פארבראכט" - יום כיפור ביינאכט!

יום כיפור ביינאכט איז דער סדר אז מען רוהט זיך אפ, און וואספארא נאכט ער האט פארבראכט?! ער איז א שוואכע מענטש געווען - יענע מאל ממש - א קראנקער מענטש געווען! "איך האב זיך געשעמט פאר איהם, וואספארא נאכט ער האט פארבראכט"!

על פי רוב, די פראסטע מענטשן - מען פלעגט זאגן, אז דער רבי זאגט אין די מעשה פון "בן המלך ובן השפחה" - פלעגן אונזערע לייט זאגן - דייקא א 'בהמה', א בהמה ווארפט נישט אראפ די כלי, א בהמה ווארפט נישט אראפ פון זיך, ליגט זי (די כלי), אבער א אנדערע גיבט א ווארף אראפ די כלי, שוין! א בהמה, אוועקגעלייגט, ליגט זי, האט עס געשפילט דעם שיינע ניגון![כה]

*

ער (- נחום שוסטער) א שטיק צייט האט מען איהם געמאכט פאר גבאי אין שוהל, לא עלינו - מען האט אזויפיל געליטן פון איהם, ס'איז געווען א געוואלד... (אמרו לו); "נחום, דו דארפסט זיין א ערליכע איד? טויגסטו נישט צו זיין א גבאי! גיי דאווען, לערן"! (השואל; ער האט נישט צוגעגרייט די זאכן?) גארנישט, מיר האבן געליטן פון איהם, אלעם איבערגעקערט, פינסטער, ס'איז גארנישט דא! מען האט געליטן פון איהם אלדינגס... "נו, נחום - גיי נעם דיך צו דיין ארבעט (בעבודת השם), גבאות גיב אוועק פאר א צווייטן, ס'איז נישט פאר דיר"!...

---

[כה] אגב, ראה ביטויו של רבי אברהם ב"ר נחמן, בכוכבי אור - אמת ואמונה אות י"ד; כִּי בְּנִשְׂגָּבוֹת נוֹרְאוֹת רוֹמְמוּתוֹ שֶׁל אַדְמוּ"ר זַ"ל וּבְכֹחַ תַּלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ, אֲשֶׁר גְּדוֹלִים צַדִּיקִים בְּמִיתָתָם יוֹתֵר מִבְּחַיֵּיהֶם (חֻלִּין ז:), יַפְלִיאוּ וְיַעֲשׂוּ כְּלִי נִפְלָאָה, הַמְּבֹרֶרֶת וּמַעֲלָה אֶת הַשִּׁיר וְהַנִּגּוּן הַנִּפְלָא, דַּיְקָא מִבְּהֵמוֹת וְחַיּוֹת, שֶׁהֵם בְּחִינַת הַשְּׁפָלִים כָּמוֹנוּ.

*

ער איז נפטר געווארן, ער ליגט אין א דארף, אין א דארף פון "גרים", לעבן 'פראניש', פראניש איז א גרויסע שטאט, ער איז געווען דאכט זיך מיר - יוחנן (גאלאנט) - איז געווען א שטיק צייט דארטן. איז ער (רבי נחום) געווען דארטן אין דעם דארף, און זיי האבן זייער געהאלטן פון איהם שטארק, און דארטן ליגט ער, ער איז דארטן נפטר געווארן! און ער האט געהאט צוויי קינדער אין חארקוב, צוויי זוהן, (השואל; ברסלב'ער חסידים?) ניין, און מיליטער גרויסע. האבן זיי געוואלט פארן אין דעם דארף און ברענגן דעם טאטע'ן קיין חארקוב, ער זאל ליגן אין א דארף?!

האבן זיי געזאגט (- הגרים) "דעם צדיק וועלן מיר ארויסגעבן? אז מיר זענען זוכה אז דער צדיק ליגט ביי אונז - וועלן מיר ארויסגעבן אייך דעם צדיק"?! ס'האט נישט געהאלפן, זיי האבן נישט געוואלט, ער ליגט דארט.

(השואל; די גרים זענען געווארן פון אונזערע לייט? זיי האבן זיך גע'מל'ט ביי אונז?) ניין ניין, א דארף פון גרים. געווענטליך, א דארף פון גרים, מסתמא האט מען געטוהן על פי הלכה יעדע זאך. (השואל; אבער נישט אין אומאן? איר האט דערציילט א מעשה?!) דאס איז א אנדערע מעשה, אומאן איז א אנדערע מעשה, אין א דארף לעבן אומאן איז אויך דא א דארף פון גרים, נאך א דארף!

און דארט (לעבן פראניש) איז געווען א (אנדערע) דארף, ווייל נחום שוסטער איז אוועק ווייט (פון אומאן), ווייל ס'איז אלס געווען די יארן וואס מען האט שוין גע'רודפ'ט אונזערע לייט, מען האט שוין פארמאכט די שוהל, מען האט געטוהן צרות, און טאקע - איך בין שוין געזיצן אין תפיסה, און ער האט געזעהן אז ס'איז שלעכט, איז ער אוועק דארטן אין א דארף פון גרים, אזוי מען וועט נישט אזוי וויסן פון איהם, ער איז דארטן אנטלאפן, און זיי האבן איהם אפגעגעבן גרויס כבוד, זיי האבן געזעהן ווער ער איז, ער האט געהאט דארטן אלעס, און ער איז דארטן נפטר געווארן - אין דעם דארף!

אזוי איז, א 'שוסטער' - און געמאכט אזוי גוט!

עס שטייט אז דער מלאך מט"ט איז א 'תופר מנעלים',[כו] 'חנוך' איז תופר מנעלים, חנוך איז מלאך מט"ט, און "תם" מאכט (ראשי תיבות) 'תופר מנעלים', ער איז געווען א שוסטער - דער תם, תופר מנעלים, ער איז געווען שוסטער, א שוסטער!

*

דו מיינסט אז 'נחמן' (- שוסטער - שטראקס, בן אחיו של רבי נחום) האט נישט געמאכט גוט?! נחמן שוסטער האט געמאכט זייער גוט מיט זיינע מעשים וואס ער האט געטוהן אין אומאן, אה אה, ער האט דאך אויסגעהאלטן, ער איז געווען א בעל מלאכה, א גוטער בעל מלאכה געווען, איז ער ארויסגעגאנגען פארטאג, און געמאכט גרויסע זעק ברויט, און ער האט אלע איינגעטיילט - דער נחמן, און זי האט געשריגן קולות, אה אה.

ער איז געווען א גראבער יונג געווען, ממש ער האט נישט געקענט די א' ב', ער האט געדינגען א מלמד, ס'איז געווען איינער רבי יענקל, פון אונזערע מענטשן, האט ער איהם געצאהלט, ער האט געלערנט מיט איהם אלע טאג צוויי שעה - און ער האט איהם געצאהלט, און ער האט איהם אויסגעלערנט עברי און דאווענען און טייטש פון דאווענען, געלערנט מיט איהם רש"י, און דעם רבי'נס ספר, און ער איז געווארן א שטיקל מענטש.

אינמיטן די צוויי שעה האט געמעגט קומען דער גרעסטער קונה, זי איז אלע טאג געשטאנען ביי די טיר און געשריגן קולי קולות, ער איז געווען א גוטער שוסטער, איז געקומען דארטן די מיליטער לייט, זיי האבן געמאכט ביי איהם שטיוול און שיך, דארטן די אלע, (און זי האט געשריגן) 'דער' איז דא, 'דער' איז דא! "יעצט דארף מען לערנען - די צוויי שעה"! האט ער איהם אויסגעלערנט.

---

[כו] מובא הרבה בספרי הקבלה, עי' בספר מאירת עינים לר' יצחק דמן עכו, בפרשת לך לך וז"ל; ושאלתי את פי מורי הר' יהודה הדרשן אשכנזי ז"ל מה היה עניין חנוך שעל ידו זכה לכל זה, כי עניין אליהו ז"ל ידוע, אבל חנוך למה, ואמר שקבל שחנוך היה אישכף, כלומר תופר מנעלים, ובכל נקיבה ונקיבה שהיה נוקב במרצע בעור, היה מברך בלב שלם ובכוונה שלימה לשם ית', וממשיך הברכה למטטרון הנאצל, ומעולם לא שכח אפי' בנקיבה אחת מלברך אלא תמיד היה עושה כן, עד שמרוב אהבה איננו כי לקח אותו אלקים (בראשית ה') וזכה להקראות מטטרון, ומעלתו גדולה עד מאד.

און ער מיט אזא 'ברוך' (געצע'ס) - ער פלעגט אסאך מיט איהם רעדן, ברוך האט אסאך מיט איהם גערעדט, ער איז געווען אן ערליכער איד, ברוך האט געקענט רעדן מיט נחמן אויך! ער האט געקענט מיט יעדעם איינעם רעדן, און ער האט געמאכט גוט!

דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז, אוי, מיר זאלן אויך עפעס דערכאפן.

*

# 'שיבואו על קברו תמיד'!...

(השואל; אונזערע לייט פלעגן גיין אלע טאג צום ציון, ס'איז געווען א דבר פשוט?) אזוי ווי לייגן תפילין, ביי אלע!

אבער די וואס האבן געוואוינט אין די נייע שטאט די זענען נישט געגאנגען אזוי, דארטן ביי די גאס פון די 'סאפיע' (גן גדול באומאן), ביי די אנדערע זייט, דאס הייסט 'סאַדאָווע', איידער מען גייט אריין אין 'פושקענע' איז דא א לאנגע גאס פריער, נאכדעם דרייעט מען זיך אוועק אויף פושקענע, און די לאנגע גאס הייסט סאדאווע גאס, א לאנגע ריזיגע גאס, און דארטן איז דא א גאס אין דער זייט פאר דעם, דאס איז אלץ די נייע שטאט, דארט איז שוין געפוצט. (השואל; איבער די סאדאווע?) סאדאווע גאס איז שוין אויך די נייע שטאט, עטליכע גאסן איז די נייע שטאט.

אונזער געגנט הייסט די 'אלטע שטאט' - ווי מיר האבן געוואוינט, (השואל; די 'קלויז' יענע געגענט?) דאס הייסט די אלטע שטאט! די נייע שטאט איז שוין מער געפוצט און רייך, שיינע הייזער, מיט א רייכקייט. (השואל; דארטן מסתמא האבן געוואוינט די בעלי בתים מערער?) יא, בעלי בתים. אונזערע לייט אלע זענען געזעצן דא, ארום דעם געגנט פונעם שוהל. 'אבא' איז געזעצן אביסל'ע ווייטער, ווייס איך אויך נישט צו ער איז געגאנגען אלע טאג.

(השואל; בייטאג פלעגט מען גיין?) ניין, מען פלעגט גיין ביינאכט, מען פלעגט גיין פארטאג, דער רבי'נס ציון כמעט האט נישט גערוהט, ס'האט נישט גערוהט דעם רבי'נס ציון, ס'האט נישט גערוהט א גאנץ יאהר!

ביי רבי שמעון'ען איז דא צייטן (ווען מ'קומט), אבער ס'איז דא צייטן וואס קיינער קומט נישט (- אז באותם השנים), בייטאג, אינמיטן נאכט, קיינער קומט נישט, חוץ די פרענקען דארטן, "דעם רבי'נס ציון האט נישט גערוהט"! ס'האט נישט גערוהט, בייטאג, אינמיטן נאכט, ביי חצות'ן, ס'האט נישט גערוהט.

(השואל; שבת איז מען אויך געגאנגען?) שבת איז געווען - ביז די פוילישע האבן אנגעהויבן צו קומען איז מען נישט געגאנגען שבת, קיינער איז נישט געגאנגען, טאמער איינער איז געגאנגען - האט קיינער נישט געוואוסט צו ער איז געגאנגען צו נישט - טאמער איינער איז געגאנגען! אז די פוילישע זענען געקומען - (השואל; אפילו שבת בייטאג?) יא, זיי פלעגן לויפן, און שרייען דארט קולות... מען האט אנגעהויבן צו שרייען אין שטאט, "וואס איז דאס"?! און מיר האבן אויך נישט געוואלט ליידן זיי. (השואל; מענטשן פון שטאט האבן געשריגן?) יא, אונז האבן אויך נישט געוואלט ליידן דאס דאזיגע, "איר ווילט? ווער דארף וויסן אז איר גייט"?! די פוילישע - זיי האבן געמאכט דעם וועג פון גיין!

*

(השואל; ס'איז געווען נאך אסאך 'ציונים' אייערע צייטן? ס'איז שוין נישט געווען קיין קענטיגע בית הקברות?!) ס'איז געווען איינער אין א שטיבל (- אוהל), מען האט איהם גערופן 'דער מלאך', פון פאר'ן רבי'נס צייטן, אויפ'ן בית החיים - אליין א אוהל, ער איז געווען הונדערט יאר פאר'ן רבי'ן, מען האט איהם גערופן 'דער מגיד', 'דער מלאך' האט מען איהם גערופן, ער איז געווען עפעס גאר א הויכע סארט מענטש געווען. (השואל; צו פושקענע זייט אדער אויף אונטען?) דא איז דעם רבי'נס ציון, און דא איז געווען זיין שטיבל, ס'איז געווען נענטער צו פושקענע.

ס'איז געווען אייניקלעך - איז געווען דארט פון דעם מגיד'ס אייניקלעך, פלעגן זיי גיין - די אייניקלעך פון דעם מגיד, ער איז געווען א הויכע סארט מענטש געווען, הונדערט יאר פריער פאר'ן רבי'ן.

*

# 'ראה לפני מי אתה נכנס'!

(השואל; דאס האט געגעבן מסתמא דעם ברען, מען האט געהאט דעם ציון אלע טאג) **יא, ס'איז געווען!**

**רבי אברהם ר' נחמנ'ס האט אמאל געזאגט - אונז גע'מוסר'ט, פארוואס איז דער ציון ביי אונז אזוי 'וואלוועל'** (לא בחשיבות הראוי), **ער האט אונז גע'מוסר'ט שטארק, "איך האב געהאט א רבי'ן - האט ער געזאגט - 'רבי מאיר לייב', האט ער זיך דריי טעג צוגעגרייגט צו גיין צום רבי'ן אויפ'ן ציון, אז ער איז געקומען קיין אומאן"! 'רבי מאיר לייב בלעכער' - "האט ער דריי טעג זיך צוגעגרייט צו גיין צום רבי'ן אויפ'ן ציון"!** (השואל; זייענדיג אין אומאן? ער איז געבליבן אין אומאן דריי טעג פאר'ן גיין?) **יא, "ער האט זיך דריי טעג צוגעגרייט זיך, ער זאל קענען גיין צום רבי'ן אויפ'ן ציון! און איר לויפט אזוי, און נעמט נאך בענקלעך, מען זעצט זיך אוועק, מען שלאפט, א דרימל מיט בענקלעך"!**

(השואל; נאר וואס דען - אז מען האט נישט קיין כח זאל מען גייען אויף צוריק?) **זאל מען זיך אוועקזעצן אזוי אויף דער ערד, נישט אויף קיין בענקעלע, אונטערשפרייטן א פאטשיילע, און אויף קיין בענקעלע נישט!** (השואל; פארוואס, ס'איז מער בזיון'דיג?) **אזוי איז געווען אמאל, די תנאים ואמוראים זענען געזעצן על גבי קרקע, און דער רבי דער ראש הישיבה איז געזעצן אויף א בענקל, אויף א שטיין, און די תלמידים זענען געזעצן על גבי קרקע!**

**אזוי טאקע, ס'האט זיך אויפגעהויבן די מתיבתא דרב הונא, די שטויב האט פארשטעלט די זון![כו] פארוואס האט פארשטעלט די שטויב? אז מען זיצט אויף בענקלעך איז נישט דא קיין שטויב, מען איז געזיצן אויף דער ערד, מען הייבט זיך אויף פון דער ערד ווערט א שטויב, די שטויב האט פארשטעלט די זון!**

[כו] עי' כתובות דף ק"ו ע"א.

ס'איז דאך א גמרא, דער רבי ברענגט דאך דער גמרא אין תורה "תקעו אמונה",[כח] "הוו נפצי גלימיהו, וסלק ענני וכסי ליומא", מען האט אויסגעקלאפט די לבושין, און ס'האט פארשטעלט די זון, אזא שטויב איז געווען.

(השואל; רבי אברהם ר' נחמנ'ס האט עפעס דערציילט פון טשעהרינ'ער רב?) **יא יא, דער טשעהרינ'ער רב האט ארויסגענומען די פאטשיילע און פארשפרייט אויף דער ערד, און אוועקגעזעצט זיך אויף דער ערד, פריער האט ער אויסגעוויינט זיך, געוויינט און געוויינט, דעם 'תיקון הכללי', נאכדעם האט ער ארויסגענומען א פאטשיילע און אוועקגעזעצט זיך אויף דער ערד, און היינט איז געווארן בענקלעך!** (- כך היה מוכיח להם רבי אברהם ר' נחמנ'ס).

**א בענקעלע - כאפט מען א שלאף, כאפט מען א דרימל, אז א מענטש שלאפט איז ער נישט ביי זיך, האט ער** (רבי אברהם ר' נחמנ'ס) **זייער געשריגן - 'געוואלד'.**

*

**אויך האט ער געשריגן - וואס מען גייט 'אהן מקוה'! ס'איז געווארן אין די קעלט, מען האט נישט געקענט גיין, ס'איז געווען קאלטע מקואות, האט ער געשריגן "פארוואס מען גייט אהן מקוה"?!**

**נאר 'ישראל כהן' האט זיך אנגערופן צו רבי אברהם'ן, ער האט דערמאנט די הלכה** (בלקוטי הלכות) **פון 'כאשר אבדתי אבדתי',[כט] דארטן פון פורים, "רבי אברהם" - זאגט ער - "קען מען איצטער גיין אין מקוה? כאשר אבדתי אבדתי"!**

(אמר לו רבי אברהם) **נו, אויב דו גייסט מיט דער זאך, קענסטו גיין - אויב דו גייסט מיט דעם 'כאשר אבדתי אבדתי', 'מסירת נפש'!**[ל]

---

[כח] שם אות ט"ו.

[כט] הל' בכור בהמה טהורה ד' אות ט"ז; "וּבְכֵן אָבוֹא אֶל הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר לֹא כַדָּת", וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל "שֶׁלֹּא כַּדָּת שֶׁל תּוֹרָה", כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ בְּעַצְמִי שֶׁעַל-פִּי דָּת שֶׁל תּוֹרָה בְּוַדַּאי אֵינִי רָאוּי לָבֹא לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ לְהִתְפַּלֵּל לְפָנָיו, כְּפִי מַה שֶּׁאֲנִי יוֹדֵעַ חַטֹּאתַי וַעֲוֹנוֹתַי, אַךְ אַף-עַל-פִּי-כֵן אָבֹא לְפָנָיו "שֶׁלֹּא כַּדָּת". "וְכַאֲשֶׁר אָבַדְתִּי אָבָדְתִּי", הַיְנוּ אִם ח"ו אֵינוֹ לְרָצוֹן תְּפִלּוֹתַי וְהִתְבּוֹדְדוּתִי עַתָּה לְפָנָיו מֵרִבּוּי קִלְקוּלַי, כַּאֲשֶׁר 'אָבַדְתִּי' עַל-יְדֵי מַעֲשַׂי הָרָעִים, 'אָבָדְתִּי', וְיַעֲשֶׂה ה' יִתְבָּרַךְ עִמִּי מַה שֶּׁיִּרְצֶה, אֲנִי תָּמִיד אֲיַחֵל וְאֶצְעַק לַה' יִתְבָּרַךְ אוּלַי יְרַחֵם. וְאָז חָמַל ה' יִתְבָּרַךְ עַל מָרְדְּכַי וְעַמּוֹ, "וַיּוֹשֶׁט הַמֶּלֶךְ לְאֶסְתֵּר אֶת שַׁרְבִיט הַזָּהָב" וכו'.

'כאשר אבדתי' - דאס האט דאך געזאגט אסתר, 'כאשר אבדתי - אבדתי ממך' (עי' רש"י שם), און ער האט דערמאנט דער הלכה פון 'כאשר אבדתי אבדתי', "נו, אויב דו גייסט מיט דער זאך, מעגסטו גיין"!

*

נו, וואס איז דער אויספיר פון דערפון? מיר האבן א גרויסן רבי'ן! א אמת'ן רבי'ן! מען זאל זיך האלטן ביי דעם רבי'ן, און גראבן (לחתור ולחפש), וועט מען בעזר השם זוכה זיין - אויך האבן עפעס א ניצוץ פון אמת, א פונק פון אמת!

און דאס איז דער עיקר, דאס האט דער אויבערשטער ליב, דאס וויל דער אויבערשטער![לא]

דארף מען אסאך בעהטן דעם אויבערשטן אז מען זאל מיינען אמת! דער אויבערשטער זאל שענקן עפעס א מתנה, עפעס א ריח פון אמת!

*

# 'תבר גזיזי דברדא'

(השואל; אין יענע צייט האט מען שוין נישט געקענט גיין אין מקוה? אפילו רבי אברהם'ס צייט?) ווער האט געקענט גיין אין מקוה? מקוה איז געווען מסירת נפש! 'אייז ממש' דער מקוה, אייז, די דאך איז געווען צובראכן, ביי אונז איז נאר געווען א 'מקוה' (בלי מערכת חימום ורחיצה עם מים חמים), האט מען געמוזט מיטנעמען א בינטל שטרוי און אנצינדן, אז מען איז געגאנגען ארויס (פון טבילה) האט מען זיך געקענט אנווארימען ביי די וואַרעם פונעם שטרוי, אז נישט - איז מען פארפרוירן געווארן אין די מקוה!

און די מקוה אליין איז געווען קעלטער ווי דער טייך, דער טייך איז אונטן נישט אזוי קאלט. נאר וואס דען - אז מען גייט ארויס איז מען אינדרויסן, דא - איז כאטש נישט אינדרויסן, אבער ס'איז אויך געווען אייזיג קאלט, פול מיט שניי געווען, מיט אייז.

---

[ל] עי' שיש"ק ח"ג אות כ"ג.

[לא] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ט' אות ג'; וְעִקַּר הִשְׁתּוֹקְקוּת שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֵינוֹ אֶלָּא אֶל הָאֱמֶת. וְזֶה: "וְאֶל אַמָּה תְּכַלֶּנָּה מִלְמַעְלָה", לְשׁוֹן (שְׁמוּאֵל ב י"ג): "וַתְּכַל נֶפֶשׁ דָּוִד" ... הַיְנוּ שֶׁתִּרְאֶה שֶׁיֵּצְאוּ הַדִּבּוּרִים מִפִּיךָ בֶּאֱמֶת, וְאָז יִשְׁתּוֹקֵק הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִלְמַעְלָה לִשְׁכֹּן אֶצְלְךָ.

אין אומאן איז געווען - אין 'בית החיים' איז געווען א מקוה, פלעגט מען טובל'ען מתים, האט מען יעדן מת גע'טובל'ט?! די מקוה איז געווען פול מיט אייז, ס'איז געווען א קוואל מקוה אראפ צו גיין זייער טיף, ס'איז געווען פול מיט אייז, און דארטן פלעגט מען זיך פירן - א נפטר האט מען גע'טובל'ט "זעקס און צוואנציג מאל", אזוי האט מען זיך געפירט אין אומאן, און דעם זעקס און צוואנציג'סטן מאל, איז דער וואס ס'האט גע'טובל'ט - איז א שפרינג אריין געגעבן מיט'ן נפטר, און ער איז ארויס.

אבער ווער האט גע'טובל'ט א מת? ווער האט איהם גע'טובל'ט? די חברה קדושה האבן געוואלט אריינגיין אין מקוה אריין טובל'ען?! ס'איז דאך אייז!

נאר וואס דען - אז א ברסלב'ער חסיד איז נפטר געווארן - איז אויך נישט, ווער האט גע'טובל'ט? "יענקל זיטאמער" - ער האט גע'טובל'ט! ער איז געווען א מסירת נפש'דיגער, האט ער גע'טובל'ט! רבי שמשון איז נפטר געווארן, ווער האט איהם גע'טובל'ט? רבי שמשון איז נפטר געווארן ראש חודש סיון, די מקוה איז געווען אייז א גאנץ יאר, א גאנץ יאר געווען אייז, ס'איז א קוואל אונטען, אזוי טיף, עס צוגייט נישט! ער איז ארויס פון דארטן צוקלאפט צובלוטיגט, בלוט האט זיך געגאסן פון איהם, צוהאקט געווארן דאס פלייש פונעם אייז - פון יענקל'ן.

אז רבי אייזיק קראסינשטיין איז נפטר געווארן, ווער האט איהם גע'טובל'ט? יענקל! (השואל; איר מיט יענקל, ניין?) ביי רבי אייזיק'ל (אייזנשטיין) האב איך גע'טובל'ט, רבי אייזיק'ל - האב איך מיט 'ברוך' איהם גע'טובל'ט, רבי אייזיק'ל פון די שוהל.

ס'איז געווען מסירת נפש דעם טובל'ען, די חברה קדושה האבן גע'טובל'ט א מענטש פון די (בני העיר)? ווער האט גע'טובל'ט?!

ביי אונזערע לייט איז געווען - מען האט געהאט א 'יענקל', און ער איז געווען א מסירת נפש'דיגער, האט ער געטובל'ט, ביי רבי אייזיק אייזנשטיין האט געגעבן דער זוהן - ער האט געהאט א 'זיידן מלבוש' דער פאטער, אויף שבת, האט דער רבי אייזיק'ס זוהן אוועקגעגעבן יענקל'ען דעם מלבוש, דעם טאטן'ס מלבוש, פאר'ן טובל'ען, "נאדיך אוועק דעם טאטע'נס מלבוש", ס'איז געווען א זיידן מלבוש!

'רבי שמשון' - האט אויך יענקל גע'טובל'ט.

רבי געצע איז געווען פריער, ער איז נפטר געווארן ע״ח דעמאלט׳ס, (השואל; ווער האט איהם גע׳טובל׳ט?) ווייס איך נישט, אפשר איז געווען ברוך, איך בין דעמאלטס נישט געווען (- אין אומאן).

*

# ׳המקיים את התורה מעוני׳

(השואל; וואס האט מען געטוהן פרייטאג [לטבול לכבוד שבת]?) וואס פרייטאג? ער פרעגט וואס פרייטאג, שבת, איי, איצטער איז א גן עדן, איצטער א גן עדן התחתון, א וואַרימע מקוה און א וואַרימע שול, מיט א צענטראלע הייצונג, ס׳איז א גן עדן התחתון!

אבער ׳אמאל׳ איז וואס געווען?! וואס איז געווען אמאל?! אז מען האט זיך געגעבן א ריר - די מקוה איז געווען קאלט, און דער ציון איז געווען קאלט, אין שוהל איז געווען קאלט, אין שטוב איז געווען קאלט, און ס׳איז געווען קאלט און קאלט און קאלט, און שוין! דאס איז געווען - און ס׳איז געווען ערליכע אידן וואס האבן געטוהן אין אידישקייט - אין די קעלט!!!

איך האלט - אז די ברסלב׳ער חסידים פון אומאן פון יענע צייטן, האבן דארט אן אנדערע חשיבות! גאר אן אנדערע חשיבות!ווארן זיי האבן געהאט אנדערע צייטן גאר!

אז מען איז געקומען אהיים פון דאווענען אין שול, אביסל ווארעמע וואסער צו איינווייקן א שטיקל פארטרוקענטע ברויט - איז ווארעם וואסער אויך נישטא! ס׳האט געקאסט א גראשן, צוויי גראשן, אז מען האט נישט געהאט דעם גראשן - איז נישט געווען איינצואווייקן א שטיקל ברויט אין די ווארעמע וואסער! האט מען געדארפט קייען מיט ציינער...

רבי אברהם ר׳ נחמנ׳ס איז אמאל אריינגעקומען אין די ׳סוכה׳ - ס׳איז געווען א סוכה, דארטן האט מען געגעסן אינמיטן יאר, האט ער געזעהן דארטן שטייען די חברה, און זיי האבן נישט איינצואווייקן די ברויט - האט ער געזעהן דאס, ״נו אוודאי״ - זאגט ער - ״א נסיון פון עשירות - א נסיון פון עניות, **א ארימאן וועט זיין דארטן פארט העכער״!!!** פארט געווען אן ארימאן!

אז א עושר איז א ערליכער איד - אוודאי איז אויך א גוטע זאך, אבער אן ארימאן - ער האט דאך פארט 'געליטן', ער וועט זיין פארט העכער!

(כאן חסר קצת)

*

(השואל; איר זאגט אז דא איז א גן עדן, מען טוהט אין רבי'נס זאך די זעלבע אזוי ווי דארטן?) צו מען טוהט דא?!... איך האב דארטן געדאוועגט געשמאקער ווי דא, די דאוועגען איז געווען א אנדערע דאווענען! ווער שמועסט די 'יונגעלייט', אה, די יונגעלייט האבן געדאוועגט ממש - ס'האט געדונערט, געדונערט, געדאוועגט!

און פאר'ן דאווענען, און נאכ'ן דאווענען - נאכ'ן דאווענען איז נישטא וואס צו עסן!

דאס איז אויך א גוטע דאווענען, נאכ'ן דאווענען איז נישטא וואס צו עסן... פארשטייסט?!

ברוך השם, דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן, מיר זאלן נישט זיין קיין 'כפויי טובה', דער אויבערשטער גיבט א שפע, זאל מען עס אויסנוצן אין די קדושה, מען זאל טוהן וואס מען דארף!

(חסר קצת)

- - - (אין אומאן פלעגט מען האבן) 'ליימענע טעפעלעך', טעפעלעך פון 'ליים' און שיסעלעך פון 'ליים'. ווער האט געזעהן אזא מין גלאָז? ביי א גביר האט מען נישט געזעהן אזא גלאז אין שטוב...

*

רבי יודל (מ'מעדוועדיווקע)[לב] איז געווען א בעל הבית'יש קינד, און א איידים ביי רבי לייב'ן (טראסטינעצער),[לג] ביי רבי לייב'ן איז געווען ליימענע שיסעלעך, האט רבי יודל נישט געפילט קיין טעם אין עסן, נאך די חתונה, פאר עניות. ער האט איהם געגעבן א

[לב] מגדולי תלמידי רביז"ל.

[לג] צדיק גדול בדורו, עי' חיי מוהר"ן אות תרי"א.

שיסעלע 'באָרשט', האט 'יענע טעם' געהאט די בארשט, האט רבי יודל נישט געגעסן.

זאגט איהם רבי לייב, "פארוואס עסטו נישט"? האט ער איהם געזאגט - זאגט ער איהם; נו, **נעם דיר אביסל בארשט ביי מיר!** אז ער האט איהם געגעבן זיין ביסל בארשט, האט ער דארטן געפילט אלע טעמים!

"האב איך זיי געגעבן פון מיינע עסן",[לד] "האב איך זיי געגעבן מיינע מאכלים צו פארזוכן" - דארטן ביי די מעשה פונעם בעל תפלה, האבן זיי דארטן אוועקגעווארפן - - - (התאוות שלהם).

שוין האט ער (רבי יודל) געזעהן אז נישט די עסן איז שולדיג - נישט דער מאכל, נאר דער 'אוכל'! **כאטש רבי יודל איז געווען איז געווען א גרויסער ערליכער איד, פונדעסטוועגן קעגן רבי לייב'ן איז ער נישט געקומען!**

(א' הנוכחים; כאטש רבי לייב האט געזאגט "ווען מיין אײדעם איז דא וואלט ער נישט נסתלק געווארן"?) **דאס איז געווען אפשר שפעטער, אפשר שפעטער שוין.**

(השואל; רבי יודל איז שוין געווען מקורב צום רבי'ן, בשעת רבי לייב איז געפארן קיין ארץ ישראל?) ניין - ווייזט אויס. דער רבי זאגט "**וכן אירע בזמננו בסמוך**" - - - (עי' תו' רי"ח).[לה]

*

# 'כל הדר בארץ ישראל'...

(חסר קצת, כנראה מדבר מענין מה שהיו מאנ"ש שעלו לקבוע דירתם בארה"ק, ולעומתם היו כאלו שלא רצו להיפרד מציון רביז"ל באומאן) - - - **ער האט געשריבן** (אחד מאנ"ש מארץ ישראל לאומאן) **"דאס גרויסקייט פון דא** (ארץ ישראל) **אבער די ד' אמות** (של ציון רביה"ק) **האט ער דא נישט"! דאס האט ער נישט.**

---

[לד] עי' סיפורי מעשיות - מעשה י"ב מהבעל תפלה. ועי' גם מעשה י"ג מהז' בעטלער'ס, יום ב'; **האב איך גענומען מיין ברויט און מיין וואסער און האב זיי געגיבן, האבן זיי געפילט אין מיין ברויט און וואסער אלע טעמים וכו'.**

[לה] וז"ל בלקוטי מוהר"ן תו' רי"ח; **וּמִזֶּה הָיָה הִסְתַּלְּקוּת צַדִּיק גָּדוֹל מְאֹד שֶׁפִּתְאֹם רָצָה לִנְסֹעַ לְאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, וְהוּא הָיָה בְּעַצְמוֹ יוֹדֵעַ מִזֶּה שֶׁהָיָה צָרִיךְ לְהַסְתִּיר אֶת עַצְמוֹ, וְנָסַע עַל הַמְּדִינָה וְהָיָה פִּרְסוּם גָּדוֹל, וְנִסְתַּלֵּק בְּאוֹתוֹ הַדֶּרֶךְ. וְכֵן אֵרַע בִּזְמַנֵּנוּ בְּסָמוּךְ** ה"י. דמש"כ "וכן אירע בזמננו בסמוך", הכוונה על רבי לייב זצ"ל.

(חסר קצת) - - - זיי האבן זיך נישט געקענט אפרייסן זיך (מהציון הק' של רביז"ל) זיי האבן זיך נישט געקענט אפרייסן!

איי, רבי אברהם ר' נחמנ'ס, ער איז געווען א אנדערע סארט מענטש - ער איז געווען 'דא' און 'דארטן' (בארץ ישראל ובאומאן), א אנדערע סארט מענטש געווען - - -

דאס זעהט מען פארט, די וואס האבן געפאלגט רבי אברהם און געקומען קיין ארץ ישראל, האבן זיי טאקע - 'מאיר אנשין' האט טאקע קינדער, ער האט 'נחמן', ער האט 'אברהם שמעון', ער האט - ער האט קינדער יראי השם!

"רבי אברהם ר' נחמנ'ס" האט געזאגט צו רבי אברהם שטערנהארץ; "ווילסט מיר **פאלגן? ווילסט האבן קינדער? פאר אוועק קיין ארץ ישראל"**! ער האט איהם אזוי געזאגט - "דארט וועסטו ראטעווען די קינדער"!

*

(א' הנוכחים; ביי מאיר אנשין איז אויך געווען אזוי, רבי אברהם ר' נחמנ'ס האט איהם איבערגעלאזט א צעטל - [שיעתק דירתו לירושלים מעיר יפו שעבד שם במלאכת בשביל פרנסתו]) **יא יא.** (הנ"ל; איז ער [מאיר אנשין] געקומען אינדערפרי, ער האט פארקויפט אלעס, און געפארן קיין ירושלים!)

(א' הנוכחים שואל; ער האט איהם נישט געזאגט מפורש?) ניין, ער איז געווען אין א דרוק, דארט האט מען געדרוקט 'טרייף פסול', אין תל אביב, מאיר אנשין. האט ער גערעדט מיט אברהם (ב"ר נחמן), האט אברהם געזאגט; "רעד מיט זיי, אפשר דו זאלסט דרוקן נישט די (טרייף פסול), דו זאלסט דרוקן אנדערע"!

רבי אברהם ר' נחמנ'ס - ער האט נישט געקענט יענעם זאגן "טוה שוין אזוי". נאכדעם איז געקומען רבי אברהם ר' נחמנ'ס, איהם אפגעשריבן א צעטלע - א 'צעטעלע' אז ער זאל האבן מסירת נפש! איז ער אוועק - (קיין ירושלים).[לו]

---

[לו] עי' מס' תולדות שמואל - ימי חייו של רבי שמואל העשיל פרידמאן ז"ל מאנ"ש, ושם בהג"ה על יום ערב שבת פרשת עקב שנת תרע"ב, מובא וז"ל;

ראוי להעתיק פה מכתב שכתב ר' אברהם בן ר' נחמן לר' שמואל מאיר אנשין בנוגע לענין עבודתם בדפוס, וּמְסָרוֹ לו על ידי ר' שמואל העשיל, (כמו שר' שמואל העשיל אכן מציין להלן שנסע ירושלימה ביום א' 'שופטים'), וזה תוכן המכתב: כבוד ידידי רבי שמואל מאיר נרו יאיר. אודות שאלתו בדבר ההדפסה אשר שאל מאיתי, עלה כעת ברעיוני, כי בלי ספק נמצא ביכולתו להתעקש בבקשתו מבעל הדפוס, שבאשר יגיע לידו דף או עמוד מדברי הכפירות והחרופים, יחליף ויתן זאת העבודה לפועל אחר,

און דאס איז געווען נישט לאנג נאך די חתונה, ער האט חתונה געהאט מיט 'פרומע' (בתו של רבי יעקב פילמער מאנ"ש בבארדיטשוב), ער איז געווען אסאך עלטער פון פרומע, נארוואס חתונה געהאט - און איבערגעלאזט אלדינגס און אהן פרנסה, און געקומען אהערצו (לירושלים), ער איז ארומגעגאנגען אין די הייזער פארקויפן ספרים.

אה, געווען אן ארימאן - אן אביונ'דיגער דא, אבער ער האט אבער 'קינדער'! א ישראל נחמן - 'ישראל נחמן' האט קינדער יראי השם, ער האט אברהם - 'אברהם' האט קינדער יראי השם, ער האט קינדער! געהאט א פארמעג! וואס וואלט ער געהאט דארטן?! דא אהערגעקומען - האט ער א פארמעג דא!

ווען ער האט ווען געווען מיט 'פרנסה' ביים לעבן, און די קינדער וואלטן געווען זיין "תל-אביב'ער קינדער" - אזוי ווי ס'מאכט זיך, וואס וואלט ער געהאט?! וואלט ער גארנישט געהאט! אזוי האט ער קינדער!

די אלע וואס האבן געפאלגט רבי אברהם ר' נחמנ'ס, האבן זיי ברוך השם קינדער, האבן זיי דורות!

*

(השואל; מען האט געזעהן עפעס חומרות פון פסח ביי רבי אברהם ר' נחמנ'ס?) מען האט נישט געזעהן ביי איהם קיין חומרות, ער איז געווען א קראנקער מענטש, ער האט נישט

---

ולא מידיו תצא פעולה כזאת להחטיא את הרבים בכפירות הנשתוות לעבודה זרה ממש; ואשר על כאלה חייב האדם למסור את נפשו יהרג ואל יעבור, ובפרט שהמחרף גרוע מכולם כמבואר מדברי חכמינו ז"ל. גם אם אין ביכולתו למסור את נפשו ולעזוב לגמרי עבודת חטא הרבים כזה, על כל פנים יש ביכולתו לקבל על עצמו זאת המסירות נפש, להנות את בעל הדפוס בעבודה חצי שעה בכל יום יותר מפועלים אחרים (ואפשר יותר מחצי שעה); ואפשר, בעד זה היתרון, יגמול איתו בעל הדפוס זה הגמול הנ"ל, אשר לא יפסיד ויחסר כלל בזה. ואני עשיתי מה שמוטל עלי - להזהירו ולהודיעו מכל זה, ויותר אין להאריך.

נאום ידידו ואוהבו, ומיעצו לחייו בגוף ובנפש. אברהם חזן.

ולפרוש בשלום המוסר כתב זה רבי שמואל העשיל נרו יאיר. ומאליהם יבינו, שלדעתי יש להם להתחבר, שיבקשו שניהם זאת הבקשה מבעל הדפוס; ובכל לב ונפש, כאשר יבקש האדם על חייו הגשמיים בכל לב ונפש מהבא להורגו חס ושלום, כי 'המחטיאו קשה מההורגו' (כמבואר בדברי חכמינו ז"ל); וגם בתחלה יבקשו ויתפללו על זה מה' יתברך, אשר בידו לב כל נפש ("פלגי מים לב מלך" וכו'), "ובקשתם משם וכו' ומצאת כי תדרשנו בכל לבבך ובכל נפשך". ידידו ואוהבו. אברהם הנ"ל.

געקענט קייען קיין מצה, האט ער געמוזט איינגעצן א שטיקל מצה! אז א מענטש איז א קראנקער מענטש, קען מען פון איהם גארנישט רעדן.

*

(חסר קצת) - - - רבי נתן איז א 'סוד'! רבי נתן איז געווען א סוד אין 'טשעהרין' אויך (אצל אנ"ש בעצמם). טאמער מען האט געלערנט א הלכה (מספר ליקוטי הלכות) ביי שלוש סעודות, האט מען געשריגן "דעם רבי'נס ספר, דעם רבי'נס ספר"! מען האט נישט געלאזט לערנען קיין הלכה ביי שלוש סעודות.

אפילו ביי "אונזערע לייט" איז ער אויך געווען א סוד! צווישן די וועלט?! (מזה אין צריך אפילו לדבר), אבער ער איז געווען א סוד ביי אונזערע לייט אויך - רבי נתן.

*

(השואל; רבי אברהם ר' נחמנ'ס פלעגט אליין גיין באקן מצות? געשטאנען ביים באקן די מצות?) ניין, אין מיינע צייטן נישט.

(השואל; מען דערציילט אז רבי נתן איז אמאל נישט געקומען באקן די מצות -) רבי נתן - אין די גרויסע התנגדות, האט ער געשיקט אונזערע לייט, זיי זאלן שטיין ביי די מצות - - -[לז] (חסר ההמשך)

* * *

[לז] עי' שולחן ערוך או"ח סי' ת"ם סעיף ב' ובנו"כ שם.

# - מתוך שיעור בספה"ק ליקוטי מוהר"ן תו' ע"ד -

## 'את אשר יאהב ה' יוכיח'

[לח]- - - זאגט דער רבי "**דינא קדישא**", ס'איז 'דינא קדישא' דא, אויף א מענטשן גייט איבער דינים, אבער ס'נעמט זיך פון די קדושה! ס'איז נאר תכלית התקרבות, צו ווערן מקורב צום אויבערשטן! און ס'איז דא "**דינא דמסאבא**", ס'נעמט זיך פון די טומאה - פון די סטרא אחרא.

זאגט דער רבי[לט] "יצחק" איז 'דינא קדישא', ס'נעמט זיך 'מצד החסד', "אברהם הוליד את יצחק", 'אברהם' איז 'חסד', 'יצחק' איז 'דין', דעם 'דינא קדישא' נעמט זיך פון 'חסד', דאס איז א התקרבות גאר צום אויבערשטן! 'אברהם הוליד' - פון דער 'חסד' - פון דעם גייט ארויס דער 'דינא קדישא'!

*

דער רבי ברענגט טאקע אין די תורה ל"ב (ח"ב), א לשון פונעם זוהר הק' "כל רחימותא - יעדער אהבה - **דלא קשיר עמה קנאה לאו רחימותא רחימא**"! 'אהבה' מוז האבן א מין 'יראה' אויך, 'אהבה' אהן 'יראה' - איז קיין 'אהבה' נישט! אזוי שטייט אין זוהר הק'.

---

[לח] מתוך הלשון בליקוטי מוהר"ן תו' ע"ד (מהלשון של מוהרנ"ת הנדפס בסוף התורה): כִּי יֵשׁ שְׁנֵי מִינֵי דִינִים. כִּי יֵשׁ דִּינָא דִמְסָאֲבָא, בְּחִינַת נָחָשׁ הִטִּיל זֻהֲמָא בְּחַוָּה. וְיֵשׁ דִּינָא קַדִּישָׁא, בְּחִינַת: "אֶת אֲשֶׁר יֶאֱהַב ה' יוֹכִיחַ" ... וְאֵלּוּ הַדִּינִים וְהַיִּסּוּרִים הֵם נִרְאִין כְּהִתְרַחֲקוּת, כְּאִלּוּ רוֹצִים לְהַרְחִיקוֹ מֵעֲבוֹדָתוֹ ח"ו, וּבֶאֱמֶת זֶה הַהִתְרַחֲקוּת הוּא עִקַּר הַהִתְקָרְבוּת, כִּי אֵלּוּ הַדִּינִים וְהַהִתְרַחֲקוּת הֵם לְטוֹבָתוֹ, בְּחִינַת "אֶת אֲשֶׁר יֶאֱהַב ה' יוֹכִיחַ". כְּדֵי שֶׁיַּעֲמֹד בַּנִּסָּיוֹן הַזֶּה, וְיִתְגַּבֵּר וְיִתְאַמֵּץ לְהִתְקָרֵב יוֹתֵר.

[לט] שם: וְזֶהוּ בְּחִינַת "אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק", כִּי אַבְרָהָם הוּא בְּחִינַת חֶסֶד, וְיִצְחָק הוּא בְּחִינַת גְּבוּרָה, בְּחִינַת פַּחַד יִצְחָק. הַיְנוּ, שֶׁזֶּה הַדִּין הַקָּדוֹשׁ, שֶׁהוּא בְּחִינַת יִצְחָק, הוּא נוֹלָד וְנִמְשָׁךְ מֵאַבְרָהָם, שֶׁהוּא בְּחִינַת חֶסֶד. כִּי בֶּאֱמֶת בְּזֶה הַדִּין מְלֻבָּשׁ חֶסֶד גָּדוֹל, כִּי הוּא לְטוֹבָתוֹ, בְּחִינַת "אֶת אֲשֶׁר יֶאֱהַב ה' יוֹכִיחַ" כַּנַּ"ל.

'חסד' - פון דעם גייט ארוים דער 'דינא קדישא', חסד אליין טויג נישט. די 'דינא קדישא' נעמט זיך פון 'חסד', 'אברהם הוליד את יצחק', דער 'אברהם' - די 'חסד' - ער איז מוליד די 'דינא קדישא'!

זאל זיין 'דינא קדישא' אליין? קען עס נישט זיין! עס שטייט טאקע אין זוהר,[מ] מען זאגט דעם זוהר פאר די תקיעות, ס'קומט ראש השנה, דעמאלטס איז 'יצחק' - די 'פחד' איז געוואלדיג גרויס, גייט "אברהם מצד זה", "יעקב מצד זה", און זיי האלטן איין דעם דין פון 'יצחק', יצחק זאל נישט קענען ארויסגעבן קיין דינים!

אזוי שטייט אין דער זוהר הק', אברהם שטייט מצד זה 'חסד', און יעקב מצד זה 'תפארת', און זיי האלטן איין יצחק'ן אז ס'זאל נישט ארוים די דינא קדישא - - -

'אברהם הוליד את יצחק' - 'יצחק' אהן 'אברהם' קען נישט זיין אין דער וועלט, ס'איז אזא מין 'פחד יצחק' אז ס'קען חלילה - געוואלד - נאר דין אליין קען דאך חרוב מאכן די וועלט! 'דינא קדישא' אליין - אפילו די דין איז דאך 'דין טוב', ווי קען ער האבן א קיום?! און אברהם דער 'חסד' ער גיבט שוין ארוים יצחק'ן.

*

## 'אנפין נהירין'

"וזה מה שפירש רש"י על פסוק זה"[מא] - עס שטייט דאך פריער 'יצחק בן אברהם', פארוואס דארף שטיין נאך 'אברהם הוליד את יצחק'? 'יצחק בן אברהם' - ווייסט מען אז אברהם האט געבוירן יצחק'ן?!

זאגט רש"י אזוי; די 'ליצני הדור' האבן געזאגט "**מאבימלך נתעברה שרה, היינו בחינת סטרא דמסאבא**", גאר זיי זאגן - די 'אראבער' זאגן אויך אזוי, די אראבער

---

[מ] פרשת אמור דף ק' ע"א: כְּדֵין אַחִידָן תַּרְוַיְהוּ בֵּיהּ בְּיִצְחָק, דָּא מֵהַאי סִטְרָא, וְדָא מֵהַאי סִטְרָא, וְלָא יָכְלִין תּוּקְפֵּיהּ לְנַפְקָא לְבַר.

[מא] שם בלקו"מ תו' ע"ד; וְזֶה מַה שֶּׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י עַל פָּסוּק זֶה: 'לְפִי שֶׁהָיוּ לֵיצָנֵי הַדּוֹר אוֹמְרִים מֵאֲבִימֶלֶךְ נִתְעַבְּרָה שָׂרָה', הַיְנוּ בְּחִינַת סִטְרָא דִּמְסָאֲבָא. הַיְנוּ, שֶׁהַדִּין שֶׁל יִצְחָק שֶׁנּוֹלַד מִשָּׂרָה, נִמְשַׁךְ מִסִּטְרָא דִּמְסָאֲבָא, חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁהוּא בְּחִינַת אֲבִימֶלֶךְ. וְעַל כֵּן צָר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא קְלַסְתֵּר פָּנִים שֶׁל יִצְחָק דּוֹמֶה לְאַבְרָהָם וְהָיוּ הַכֹּל מוֹדִים שֶׁאַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק. פֵּרוּשׁ שֶׁהַדִּין הוּא בְּחִינַת דִּינָא קַדִּישָׁא, וּמִסִּטְרָא דְּאַבְרָהָם בְּחִינַת חֶסֶד, נוֹלָד יִצְחָק כַּנַּ"ל.

זאגן אויף יצחק'ן אז ער איז געווען א 'בייזער', אויף 'אברהם' זאגן זיי - ער איז א 'גוטער', אברהם איז דאך זייער זיידע, יצחק איז געווען א בייזער - זאגן זיי! 'פחד יצחק'...

זאגן די ליצני הדור, אז די 'דין' איז 'מסטרא דמסאבא', ווי קען זיין 'אברהם' - א איש חסד - האט געהאט א זוהן 'יצחק' - א בייזער - א פחד יצחק?! זאגן זיי, ער נעמט זיך פון אבימלך'ן גאר, נישט פון אברהם'ען!

**היינו הדין של יצחק שנולד משרה נמשך מסטרא דמסאבא חס ושלום, שהוא בחינת אבימלך, ועל כן צר הקדוש ברוך הוא קלסתר פנים של יצחק** - דער צורה פון יצחק'ן - **דומה לאברהם, והיה הכל מודים שאברהם הוליד את יצחק.**

**פירוש שהדין הוא** - אז דער דין איז - **בחינת דינא קדישא, ומסטרא דאברהם** - **בחינת חסד נולד יצחק.**

*

וואס הייסט אברהם האט געהאט איין צורה מיט יצחק? נאר 'דינא דמסאבא' איז טאקע א מרה שחורה'דיגע פנים, א 'אנפין חשוכין', אבער 'דינא קדישא' איז א פנים פון 'חסד'!

יצחק איז טאקע 'פחד', אבער די פנים איז געווען א פנים פון 'חסד', אזוי ווי אברהם, איין צורה מיט אברהם'ען!

האט מען געזעהן אז ס'איז א אנדערע פנים, א פנים פון חסד, איז דער דין נישט אבימלך'ן! א דין פון אבימלך האט א 'אנפין חשוכין', האט מען נישט קיין פנים פון חסד! דער עיקר דערקענט עס זיך נאר ווייל 'דינא קדישא' איז 'אנפין נהורין', ס'איז א פנים פון חסד, דאס איז 'דינא קדישא', "את אשר יאהב ה' יוכיח"!

האבן זיי אלע מודה געווען - די אלע 'ליצני הדור' - איז טאקע פון אברהם נעמט עס זיך, נישט פון אבימלך'ן, פון אבימלך קען נישט זיין אזא צורה, א צורה פון אברהם - א צורה פון חסד - קען נישט זיין ס'זאל קומען פון אבימלך!

*

מען ווייסט דאך, אין דעם עולם גייט דאך איבער, אויף יעדעם גייט דאך איבער, ס׳קען נישט אנדערש זיין אין דעם עולם! איז דער עיקר, אז א מענטש - אז ס׳גייט אויף איהם איבער עפעס א זאך, זאל ער זעהן דער ׳מח׳ זאל זיין גאנץ![מב] און ממילא שיינט דער פנים אויך! אפילו ס׳גייט איהם איבער, דער פנים - איז א ׳פנים דקדושה׳!

אז דער מח איז גאנץ - דעמאלטס שיינט דער פנים, איז עס א לעכטיג פנים! אפילו בשעת ׳דין׳ איז עס ׳אנפין נהירין׳, אז עס א לעכטיגע צורה, אפילו בשעת דין!

יצחק מוז האבן א השתתפות פון אברהם׳ען - וועט דער רבי ווייטער זאגן, און פון יעקב׳ן אויך!

א טאטע ׳אברהם׳, און א זוהן ׳יעקב׳, (ארומגענומען פון) ״ביידע זייטן״ - דעמאלט קען די ׳דינא קדישא׳ נישט אזויפיל זיין שטארק - ׳פחד יצחק׳, פחד, געוואלדיג.

*

# ׳עשה לי מטעמים כאשר אהבתי׳

דערפאר האט דאך יעקב אזוי מורא געהאט פאר יצחק׳ן - פאר יצחק׳ס הקפדה האט ער געוואלדיג מורא געהאט, ס׳איז ׳פחד יצחק׳, ס׳איז א געוואלדיגע הקפדה, האט ער געזאגט טאקע צו רבקה׳ן; ״**אולי ימושני אבי, והייתי בעיניו כמתעתע, והבאת עלי קללה ולא ברכה**״, ער האט מורא געהאט פאר יצחק! (האט רבקה געזאגט) ״עלי קללתך בני״ - איך נעם אויף זיך! זאגט דער תרגום דארטן; ״עלי אתאמר בנבואה״ אז ער וועט דיר נישט שעלטן!

*

עס שטייט אין זוהר הקדוש טאקע, מען זאגט טאקע דעם זוהר פאר די תקיעות,[מג] אז יצחק וואס איז ׳דינא קדישא׳, אז ס׳קומט טאקע פאר די תקיעות ראש השנה, וויל ער פארזוכן די מעשים טובים פון אידן, ״עשה לי מטעמים״ - זאגט דער זוהר -

---

[מב] שם; אֲבָל צָרִיךְ כָּל אֶחָד לִרְאוֹת לְהַמְתִּיק זֶה הַדִּין, כִּי הַדִּינִים הֵם מִבְּחִינַת מֹחִין דְּקַטְנוּת, וְצָרִיךְ כָּל אָדָם לֵילֵךְ מִקַּטְנוּת לְגַדְלוּת, וְעַל־יְדֵי־זֶה יַמְתִּיק אֶת הַדִּין, שֶׁהוּא בְּחִינַת יִצְחָק ... כִּי עִקַּר הַהַמְתָּקָה הוּא עַל־יְדֵי חָכְמָה, בְּחִינַת מֹחִין דְּגַדְלוּת, דְּהַיְנוּ עַל־יְדֵי יְדִיעַת הַתּוֹרָה, כִּי הַתּוֹרָה נִקְרֵאת אוֹר.

[מג] פרשת אמור דף ק״א ע״א ברעיא מהימנא.

"כאשר אהבתי מפיקודין דעשה",[מד] א 'גאנצע מצוה' - לאמיך עם פארזוכן, לאמיך זעהן וואספארא מצוות איז דאס!

דער 'דינא קדישא' זאגט אזוי; "עשה לי מטעמים כאשר אהבתי" - זאגט דער זוהר - "מפיקודין דעשה"!

'רבקה' - דאס איז די שכינה הקדושה, כנסת ישראל, זי הערט דאס דאזיגע - אז ער וויל פארזוכן די 'מטעמים', און זי ווייסט דאך אז די 'מטעמים' זענען 'נישט אזוי גוטע מטעמים' פון א גאנץ יאר, זאגט צו שוין צו יעקב'ן - זי איז מעורר יעקב'ן, 'יעקב' איז דער 'כלל ישראל', זי איז מעורר יעקב - "גיי טוה תשובה! גיי טוה תשובה! זעה אז ער זאל האבן עפעס וואס צו פארזוכן, ער זאל קענען פארזוכן א מאכל, ס'זאל זיין - ס'זאל איהם שמעקן די מאכלים, ס'זאל איהם שמעקן די מצוות"!

און ביז 'עשו' לויפט אוועק דארטן מיט א שמחה, און ער וויל ברענגען זיינע מאכלים, עשו רח"ל וויל ברענגען די מאכלים וואס דאס איז א קטרוג אויף אידן, וואספארא מאכלים האט עשו געוואלט ברענגען? ווי עפעס א פגם אויף אידן - ווי עפעס א זאך - האט ער געוואלט אריינלייגן אין די מאכלים! אז יצחק זאל זעהן אז אידן זענען אזוי זינדיג, אז אזעלכע מאכלים ברענגט מען מיר?!

האט דער אויבערשטער רחמנות געהאט, אז דער שכינה הקדושה האט גערעדט צו יעקב'ן - צום כלל ישראל, "גיי - דו זאלסט וויסן אז דער מקטרג לויפט ברענגען זיינע מאכלים, און אז ער זאל ברענגען מאכלים וועט זיין א געוואלדיגע קטרוג אויף אידן! טוהט תשובה פריער, הייבט אן טוהן תשובה"!

און ביז עשו קומט, זענען שוין די אידן נתעורר געווארן צו תשובה, און יצחק האט פארזוכט פון די מטעמים, "וירח" - ער שמעקט עס, און ס'איז איהם גוט געווארן! און ער גיבט א ברכה יעקב'ן, און בענטשט איהם!

און ביז עשו קומט - איז שוין נאך אלעם, שוין, מען האט שוין געבענטשט! ער ווערט צומישט, ער פאלט אוועק, וואס זאל ער טוהן? פארפאלן! דאס איז דער 'כח התשובה' וואס אידן ווערן נתעורר צו תשובה!

אבער דערווייל האט מען מורא, יצחק איז דאך דין!

---

[מד] ענין 'מפיקודין דעשה' הוא בתיקוני הזוהר תיקון כ'-כ"א דף נ"א ע"א.

*

דער רבי זאגט טאקע אין תורה ע"ב,[מה] אז בשעת א 'התגברות הדינים' דעמאלטס האט דער יצר א שליטה! דער יצר הרע איז יונק פון דינים, זאל מען זיך היטן - אז א מענטש גייט עפעס איבער זאל ער זיך היטן פון יצר הרע! דעמאלטס האט ער א יניקה - דער יצר הרע, זיין יניקה איז נאר פון דינים! זאל מען זעהן דעמאלטס - זיך היטן פאר'ן יצר הרע.

*

## 'דיבור בלא דעה' - 'דיבור בדעה'

זאגט דער רבי אזוי (ממשיך בתורה ע"ד)[מו] **"והמתקת הדין של יצחק על ידי החכמה שהוא ידיעת התורה"**, דאס איז 'יעקב' - יעקב איז דאך 'תורה'!

ווען נישט 'יעקב' וואלט א געוואלד געווען 'פחד יצחק', וואלט א געוואלד געווען! איז דא א יעקב, יעקב איז גאר די זאך פון תורה, יעקב איז תורה - 'תפארת', דאס איז דער המתקה פון יצחק!

זאגט דער רבי אזוי; פון דעם "דין בחינת יצחק", דאס איז דער "נפש", ווערן נולד צוויי בחינות, "יעקב ועשו".

'דין' איז א סכנה, כאטש ס'איז 'דינא קדישא'? ווייל ס'איז דאך אבער 'דין'! איז פון דין גייט ארויס צוויי בחינות, ס'איז דא א 'יעקב', און ס'גייט ארויס א 'עשו'!

---

[מה] וז"ל שם: וְעַל כֵּן מִי שֶׁיֵּשׁ עָלָיו דִּינִים ח"ו, וְיֵשׁ לוֹ אֵיזֶה צָרָה רח"ל, צָרִיךְ לִרְאוֹת וּלְהִשְׁתַּדֵּל מְאֹד לְהִנָּצֵל מֵהַיֵּצֶר הָרָע אָז, כִּי עִקַּר הַיֵּצֶר הָרָע הוּא מֵהַדִּינִים ... עַל־כֵּן, כְּשֶׁיֵּשׁ עַל אָדָם דִּינִים, מֵאַחַר שֶׁמִּתְגַּבֵּר עָלָיו גְּבוּרוֹת וְדִינִים, שֶׁהוּא הַשֹּׁרֶשׁ שֶׁל כָּל הַיֵּצֶר הָרָע, עַל־כֵּן אָז מִתְגַּבֵּר עָלָיו מְאֹד הַיֵּצֶר הָרָע שֶׁלּוֹ, וְצָרִיךְ הִשְׁתַּדְּלוּת וְהִתְחַזְּקוּת עַל זֶה.

[מו] שם: וְהַמְתָּקַת הַדִּין שֶׁל יִצְחָק, עַל־יְדֵי הַחָכְמָה, שֶׁהוּא יְדִיעַת הַתּוֹרָה כַּנַּ"ל, זֶה בְּחִינַת יַעֲקֹב שֶׁנּוֹלַד מִיִּצְחָק. כִּי מִבְּחִינַת הַדִּין הַזֶּה בְּחִינַת יִצְחָק, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַנֶּפֶשׁ כַּנַּ"ל, נוֹלָדִים שְׁתֵּי בְּחִינוֹת, שֶׁהֵם בְּחִינַת יַעֲקֹב וְעֵשָׂו. יַעֲקֹב, הוּא בְּחִינַת הַחָכְמָה, בְּחִינַת דִּבּוּר בִּידִיעָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַמְתָּקַת הַדִּין שֶׁל יִצְחָק. וְעֵשָׂו, הוּא בְּחִינַת הַסִּיגִים וְהַפְּסֹלֶת גָּמוּר, שֶׁמִּשְׁתַּלְשְׁלִין וְיוֹרְדִין מִבְּחִינַת הַדִּין, וְהוּא בְּחִינַת "נֶפֶשׁ כִּי תֶחֱטָא". וְזֶהוּ: "אֵלֶּה תּוֹלְדוֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם", וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י: 'יַעֲקֹב וְעֵשָׂו'. הַיְנוּ כַּנַּ"ל.

'יעקב' דאס איז די 'חכמה', דאס איז "דיבור בידיעה", דאס איז "המתקת הדין של יצחק", און 'עשו' איז "בחינת הסיגים והפסולת גמור, שמשתלשלין ויורדין מבחינת הדין".

דערפאר טאקע ווען ס'איז געבוירן געווארן, איז דאך יעקב געוועזן דער 'אנדערער' (נולד שני), יעקב איז געבוירן געווארן נאך עשו'ן, ווייל פריער איז ארויס די 'פסולת', די 'סיגים והפסולת גמור' איז ארויס פריער, און נאכדעם איז געווארן 'יעקב'!

'עשו' - זאגט דער רבי איז - 'בחינת הסיגים והפסולת גמור', וואס גייט ארויס פונעם דין, "בחינת נפש כי תחטא"!

'נפש' איז 'מלכות', 'נפש' איז 'דין' - 'נפש כי תחטא'![מז]

*

[מח]"וזהו אלה תולדות יצחק בן אברהם", ווער זענען די תולדות וואס גייט ארויס פון יצחק? "ופירש רש"י יעקב ועשו, כי המתקת הדין של יצחק הוא על ידי בחינת יעקב שהוא בחינת דיבור בדעה", ווארן 'יעקב' איז "בחינת חכמה, כמו שכתוב 'ויעקבני' ותרגם אונקלוס 'וחכמני'"!

[מט]ס'איז דא א "דיבור בלא דעה", און א "דיבור בדעה", די ביידע זאכן זענען אלס גוט, א 'דיבור' איז עס! ס'איז טאקע 'בלא דעה' אבער ס'איז אויך א 'דיבור'! און די צוויי בחינות, דאס איז "הושענא רבא" און "שמחת תורה", דאס איז 'יצחק' און 'יעקב'! יצחק אליין - אהן יעקב - דאס איז א 'דיבור בלא דעה', ווארן 'הושענא רבא' דאס איז "בחינת דיבור בלא דעה".

---

[מז] שם; וּמַלְכוּת הוּא בְּחִינַת דִּין, בְּחִינַת דִּינָא דְּמַלְכוּתָא דִּינָא ... וְזֶהוּ בְּחִינַת נֶפֶשׁ, בְּחִינַת "נַפְשִׁי אִוִּיתִךָ בַּלַּיְלָה" ... וְהוּא בְּחִינַת "נֶפֶשׁ כִּי תֶחֱטָא".

[מח] שם; וְזֶהוּ: "אֵלֶּה תּוֹלְדוֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם", וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י: 'יַעֲקֹב וְעֵשָׂו'. הַיְנוּ כַּנַּ"ל, כִּי הַמְתָּקַת הַדִּין שֶׁל יִצְחָק, הוּא עַל־יְדֵי בְּחִינַת יַעֲקֹב, שֶׁהוּא בְּחִינַת דִּבּוּר בְּדֵעָה. כִּי יַעֲקֹב הוּא בְּחִינַת חָכְמָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וַיַּעְקְבֵנִי", וְתִרְגֵּם אוּנְקְלוֹס: 'וְחַכְּמַנִי'.

[מט] שם; כִּי יֵשׁ דִּבּוּר בְּלֹא דֵעָה, וְיֵשׁ דִּבּוּר בְּדֵעָה. וּשְׁנֵי בְּחִינוֹת אֵלּוּ, הֵן בְּחִינַת 'הוֹשַׁעְנָא רַבָּא וְשִׂמְחַת תּוֹרָה', שֶׁהֵן בְּחִינַת יִצְחָק וְיַעֲקֹב. כִּי 'הוֹשַׁעְנָא רַבָּא', הוּא בְּחִינַת דִּבּוּר בְּלֹא דֵעָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת עֲרָבָה, כִּי עֲרָבָה דּוֹמָה לִשְׂפָתַיִם.

ס'שטייט דאך אין דעם זוהר[ג] אז הושענא רבא איז "וישב יצחק ויחפור את בארות המים" דאס איז אלס 'יצחק', יצחק איז הושענא רבא!

הושענא רבא דעמאלטס שרייעט מען אן קולות, א 'דיבור בלא דעה', דאס איז 'ערבה', 'ערבה דומה לשפתיים'.

*

[נא] "**כי איתא בזוהר הקדוש אית מאן דלעי באורייתא**" - ער מאטערט זיך אין די תורה, "**ומגמגם בה בגמגומא דלא ידע**" - ער גרייזט דארטן, ער ווייסט נישט, אבער ער מאטערט זיך! ער מאטערט זיך אין די תורה! איז "**כל מילה ומילה סלקא לעילא**", יעדעס ווארט גייט ארויף אויבן, און דער אויבערשטער פריידט זיך "**בהאי מילא**", ער פריידט זיך מיט דעם ווארט, "**ונטע לה סחרנין דההוא נחלה**" - ארום דעם נחל פלאנצט ער ארום און ארום אזעלכע מיני 'ערבות' פון דעם דיבור, "**ואתעבדו מאנון מילין אלנין רברבין**" - דערפון ווערן גרויסעביימער, דאס הייסט "ערבי נחל".

און דאס איז נאך א 'דיבור בלא דעה', פונדעסטוועגן - דער אויבערשטער פריידט זיך מיט יעדער ווארט, כאטש ער איז 'מגמגם בה' - אבער ער מאטערט זיך, ער מאטערט זיך אין לערנען, ער מאטערט זיך - אבער ס'איז 'בלא דעה', פריידט זיך דער אויבערשטער מיט דעם לימוד!

*

[נב] - דאס איז 'הושענא רבא', ס'איז 'דין', ס'איז 'פחד יצחק', ס'נעמט זיך פון 'מוחין דקטנות', דער דיבור איז נאך 'בלא דעת'!

---

[ג] פרשת צו דף ל"ב ע"א.

[נא] שם בתו' ע"ד; כִּי אִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ 'אִית מָאן דְּלָעֵי בְּאוֹרַיְתָא וּמְגַמְגֵּם בָּהּ בְּגִמְגּוּמָא דְּלָא יָדַע, כָּל מִלָּה וּמִלָּה סָלְקָא לְעֵלָּא, וְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חָדֵי בְּהַאי מִלָּה, וְנָטַע לַהּ סָחֲרָנִין דְּהַהוּא נַחֲלָא, וְאִתְעֲבִדוּ מֵאִנּוּן מִלִּין אִילָנִין רַבְרְבִין, וְאִקְרוּן עַרְבֵי נַחַל'. נִמְצָא שֶׁעַרְבֵי נַחַל הֵם בְּחִינַת דִּבּוּר בְּלֹא דֵּעָה.

[נב] שם; וְזֶהוּ בְּחִינַת הוֹשַׁעְנָא רַבָּא, שֶׁהוּא בְּחִינַת דִּין, בְּחִינַת פַּחַד יִצְחָק, שֶׁנִּמְשָׁךְ מִמֹּחִין דְּקַטְנוּת, וְעַל כֵּן הַדִּבּוּר בְּלֹא דַּעַת עֲדַיִן. אֲבָל שִׂמְחַת-תּוֹרָה, הוּא בְּחִינַת דִּבּוּר בְּדֵעָה, וְהוּא הַחִיּוּת שֶׁל הַנֶּפֶשׁ. כִּדְאִיתָא בַּזֹּהַר: 'זַכָּאִין אִנּוּן דְּיָדְעִין אוֹרְחוֹי דְּאוֹרַיְתָא, וּמִשְׁתַּדְּלֵי בָּהּ בְּאֹרַח מִישׁוֹר, דְּאִנּוּן נָטְעִין אִילָנָא דְּחַיֵּי

אבער 'שמחת תורה' - דאס איז שוין 'יעקב', 'שמחת תורה' איז שוין 'בחינת דיבור בדעה', דאס איז דאך 'חיות' פונעם 'נפש'.

**"כדאיתא בזוהר"** - פריער שטייט פון הושענא רבא **'ומגמגם גומגומא דלא ידע'** - **"זכאין אינון דידעין אורחוי דאורייתא"** - די וואס ווייסן יא, **"ומשתדלי בה באורח מישור"** - דאס הייסט א 'דיבור בדעה', זיי פלאנצן **"אילנא דחיי לעילא דכלא אסוותא"** - זיי פלאנצן 'אילנא' וואס איז אינגאנצן א רפואה!

דאס איז שוין 'יעקב', יעקב איז 'חכמה', 'מוחין דגדלות', דאס איז א 'רפואת הנפש', **"בחינת שמש צדקה ומרפא בכנפיה"**.

*

# 'יפה צעקה לאדם'

קומט אויס אזוי - רעדט דער רבי דא - א 'הושענא רבא' איז א 'דיבור בלא דעה', דאס איז 'יצחק'! ס'קען נישט זיין קיין 'שמחת תורה' - סיידן ס'מוז זיין פריער 'הושענא רבא', דער מענטש בשעת 'הושענא רבא' - ער שרייעט, ער שרייעט קולות, ער שרייעט - דעמאלטס איז נאך אהן 'דעת', דארף מען זעהן אסאך שרייען, נאכדעם - ער שרייעט זיך אויס, נאכדעם איז דא 'שמחת תורה'! נאכדעם ווערט א 'דיבור בדעה'.

אבער א מענטש - גלייך וויל ער האבן א 'דיבור בדעה'? האט ער איהם נישט! מען דארף זיך פריער 'אויסשרייען', דער רבי זאגט אין תורה כ"א,[נג] אז די מוחין ווערן נעלם - דארף מען שרייען "בין בתורה ובין בתפלה"! שרייעט מען אויס די מוחין, נאכדעם איז 'שמחת תורה', נאכדעם איז 'דיבור בדעה'!

---

לְעֵלָּא דְּכֹלָּא אַסְוָתָא'. וְזֶה בְּחִינַת יַעֲקֹב, שֶׁהוּא בְּחִינַת חָכְמָה, בְּחִינַת מֹחִין דְּגַדְלוּת, שֶׁהוּא בְּחִינַת רְפוּאַת הַנֶּפֶשׁ, בְּחִינַת "שֶׁמֶשׁ צְדָקָה וּמַרְפֵּא בִּכְנָפֶיהָ".

[נג] באות ז', וז"ל; וְלִפְעָמִים יֵשׁ, שֶׁהַמֹּחִין וְהַשֶּׁפַע אֱלֹקִי הוּא בְּהֶעְלֵם, בִּבְחִינַת עִבּוּר, וְאָז יָפָה צְעָקָה לְאָדָם, בֵּין בִּתְפִלָּה בֵּין בְּתוֹרָה, כְּשֶׁנִּתְעַלֵּם הַמֹּחִין ... וְהַצְּעָקָה שֶׁאָדָם צוֹעֵק בִּתְפִלָּתוֹ וּבְתוֹרָתוֹ, כְּשֶׁנִּסְתַּלְּקִין הַמֹּחִין בִּבְחִינַת עִבּוּר, אֵלּוּ הַצְּעָקוֹת הֵם בְּחִינַת צַעֲקַת הַיּוֹלֶדֶת, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁהוּא יוֹדֵעַ תַּעֲלוּמוֹת שֶׁל הַמֹּחִין אֵיךְ נִתְעַלְּמוּ, הוּא מַאֲזִין צַעֲקָתֵנוּ, וְהַצְּעָקָה הוּא בִּמְקוֹם צַעֲקַת הַשְּׁכִינָה, כְּאִלּוּ הַשְּׁכִינָה צוֹעֶקֶת, וְאָז מוֹלֶדֶת הַמֹּחִין.

מוז זיין פריער - פאר 'שמחת תורה' - מוז זיין פריער 'הושענא רבא', 'אהן הושענא רבא' וועט נישט ווערן קיין 'שמחת תורה'!

וואס מען שרייעט מער 'הושענא רבא' בשעת ס'איז 'דיבור בלא דעה', איז 'שמחת תורה' מער 'דיבור בדעה', איז 'שמחת תורה' מער 'שמחה', ס'איז מער 'דיבור בדעה'.

'יעקב' איז 'חכמה', 'מוחין דגדלות', 'רפואת הנפש', 'שמש צדקה ומרפא בכנפיה'.

*

[נד]אויבן (בתו' ע"ד) האבן מיר געלערנט, אז "מלכות בבחינת דין" איז 'צדק', בשעת ס'איז 'דין' איז עס נאר 'צדק' (ולא 'צדקה').

עס שטייט אין זוהר הק',[נה] אז 'צדק' קען חרוב מאכן די וועלט, דאס איז 'דינא קדישא', עס שטייט אין זוהר אז 'רבי שמעון' האט תמיד מלחמה געהאלטן אלע יארן אז די 'צדק' זאל נישט חרוב מאכן די וועלט!

דערפאר טאקע איז ער נסתלק געווארן 'הוד', 'הוד' איז דאך א זאך פון 'גבורה', 'הוד שבהוד' איז 'גבורה שבגבורה', האט ער תמיד מלחמה געהאלטן מיט'ן 'צדק' זאל נישט חרוב מאכן די וועלט, 'צדק' איז 'דין', דער המתקה איז 'צדקה', יעקב איז שוין צדקה.

זאגט דער רבי דא, "שמש צדקה ומרפא בכנפיה", 'שמש' איז יעקב, ווערט שוין פון 'צדק' - 'צדקה', איז שוין דער רפואה.

צדק איז 'מלכותא קדישא', אבער 'צדק' אליין - זאגט דער רבי אין א תורה,[נו] "והוא ישפוט תבל בצדק", בשעת ס'איז 'צדק' דעמאלטס איז 'משפט' - גייט משפטים, דינים.

---

[נד] שם בתו' ע"ד; כִּי כְּשֶׁהַמַּלְכוּת בִּבְחִינַת דִּין, נִקְרֵאת צֶדֶק. וּכְשֶׁמַּמְתִּיקִין אוֹתָהּ, עַל־יְדֵי בְּחִינַת יַעֲקֹב, אֲזַי הִיא בִּבְחִינַת צְדָקָה, בְּחִינַת שֶׁמֶשׁ צְדָקָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת דִּבּוּר בְּדֵעָה.

[נה] זוה"ק - אידרא זוטא, ח"ג דף רצ"ב ע"א.

[נו] עי' תו' פ"ז.

בשעת ס'איז 'צדק' - דארף מען נאר שרייען צום אויבערשטן! פון דעם שרייען! כאטש ס'איז 'בלא דעה', ס'איז דאך 'צדק', ס'איז 'דינים', ווערט דערנאך א 'דיבור בדעה' און ס'ווערט 'צדקה', דאס איז דער רפואה!

דער מענטש - ער קען נישט דאווענען, ס'דאווענט זיך נישט, (חושב לעצמו) וועל איך נישט דאווענען? וועל איך צו ווארטן ס'זאל זיך יא דאווענען?! ניין! בשעת ס'דאווענט זיך נישט - דעמאלטס דארפסטו זיך דאך מער רייסן! דעמאלטס איז דאך ביי דיר א 'דיבור בלא דעה', דעמאלטס דארפסטו זיך מער רייסן, דער אויבערשטער פריידט זיך דאך מיט יעדע 'מילה' - זאגט דער רבי, "חדי בהאי מילה", כאטש ס'איז "בגמגומא דלא ידע".

און אזוי ווי ס'איז דא ביי 'תורה', אזוי איז ביי 'תפילה' דאס אייגענע! אז ס'דאווענט זיך נישט - ועסטו ווארטן ביז ס'וועט זיך אנהויבן דאווענען? דו מאטער זיך! 'אית מאן דלעי', איז דער טייטש 'דלעי' - ער מאטערט זיך, מאטערן זיך, און וועלן דאווענען, און וועלן צוקניפן דעם דיבור צו דער מחשבה, און וועלן - כאטש ס'איז 'בלא דעה', פריידט זיך דער אויבערשטער 'בהאי מילה', דערפון ווערט 'ביימער', כאטש ס'איז 'בלא דעה', נאכדעם וועט ווערן א 'דיבור בדעה'!

*

# 'אנו עמלים'...

רבי אברהם ר' נחמנ'ס האט דערציילט, אז רבי נתן איז אמאל געפארן אין וועג, ס'איז איהם אויסגעקומען דאווענען אויפ'ן וועג, ער איז געפארן עטליכע טעג, איז אויסגעקומען דאווענען אויפ'ן וועג - אינמיטן וועג האט ער גערדאווענט.

האט רבי נחמן טולטשינער געזעהן אז רבי נתן האט אנגעהויבן דאווענען אינדערפרי 'הודו', האט ער זיך געמאטערט מיט יעדע ווארט, אריינגעלייגט אין דער ווארט, ס'דאווענט זיך נישט! האט ער זיך געמאטערט און געמאטערט, ביז ס'איז געקומען צו דער פסוק "זמרו לה' חסידיו והודו לזכר קדשו" - דארט האט ער זיך צודאווענט, און ער האט אנגעהויבן דאווענען!

האט רבי נחמן געזעהן, ווי רבי נתן האט זיך געמאטערט זיך פריער, איידער ס'האט זיך גערדאווענט, אבער ער האט זיך געמאטערט! רבי נתן האט געוואוסט גוט

פון דער תורה - אז ס'דאווענט זיך נישט דעמאלטס דארף מען זיך מאטערן! 'מאן דלעי' - 'ומגמגם בה בגמגומא דלא ידע'.

האט רבי נחמן געזעהן אז ס'איז געקומען צו 'זמרו לה' חסידיו' האט ער זיך צודאווענט, האט ער געדאווענט, האט ער שוין געזעהן אז איצטער דאווענט זיך יא.

איי דער קשיא, אויב ס'דאווענט זיך נישט, זאל ער צוואווארטן ביז ס'זאל זיך יא דאווענען? ניין, דאס גייט נישט! דער אויבערשטער פריידט זיך מיט די יגיעה וואס מען האט בשעת ס'דאווענט זיך נישט - פריידט זיך דער אויבערשטער דעמאלטס אויך, ווארן די יגיעה ביים אויבערשטן איז זייער חשוב.

מען זאגט טאקע 'אנו עמילים והם עמילים' - מיר הארעווען, וואס איז דער 'אנו עמלים'? מען דארף דאך לערנען?! דער תירוץ איז - הארעווען אליין איז ביים אויבערשטן זייער חשוב, כאטש ס'איז 'בגמגומא דלא ידע', דערפון ווערט נאכדעם 'שמחת תורה', ווערט טאקע א 'דיבור בדעה', ס'ווערט די 'המתקה'!

(השואל; ס'איז דא עפעס א מעשה, רבי נתן האט געדאווענט מיט א ניגון פון אשת חיל, ביז ער האט זיך געוואָרעמט? איר האט נישט געהערט אזא מין?) ניין ניין, איך האב נאר געהערט דאס דאזיגע, ווי ער האט אנגעהויבן דאווענען, ס'איז איהם געווען שווער צו דאווענען, ער האט זיך אזוי פארמאטערט זיך אזוי, ביז ער איז געקומען צו די פסוק זמרו לה' אין 'מזמור שיר חנוכת', האט ער זיך צו-דאווענט, ער האט אנגעהויבן דאווענען.

*

רבי נחמן (טולטשינער) האט געזאגט; "**רבי נתן האט געדאווענט אויפ'ן וועג** (בנסיעותיו) **נאך שענער ווי ער האט געדאווענט אינדערהיים**"!

רבי נתן האט דאך געזאגט; "**אז ער וועט אפילו אפגעבן דין וחשבון אפילו אויף א יום הנסיעה אויך**"!

ווארן ער האט אויפ'ן וועג געדאווענט נאך שענער ווי ער האט געדאווענט אינדערהיים!

(השואל; ווער האט געזאגט?) רבי נחמן טולטשינער האט געזאגט, ער האט דאך געקענט דאווענען, האט ער געזאגט - אז אויפ'ן וועג האט ער געדאווענט נאך שענער ווי ער האט געדאווענט אינדערהיים!

פארוואס? ווייל אז דער רבי רעדט אלס, דער רבי בויעט אוים אלדינגס, ס'איז דא א 'דיבור בלא דעה' - ס'דאוועגט זיך נישט, האט דער אויבערשטער א נחת, ער פריידט זיך דערמיט!

ס'שטייט אין זוהרביידע (שני הזוהר המועתקים בלקו"מ כאן, בענין 'דבור בדעה' 'ודיבור בלא דעה'), נאכדעם (וואס ס'שטייט וועגן דיבור בלא דעה) שטייט אין זוהר פון א 'דיבור בדעה', ס'דאכט זיך אז ס'איז צוויי באזונדערע זאכן, איינס מוז זיין פריער, נאכדעם גייט דאס אנדערע.

*

# 'גדול תלמוד שמביא לידי מעשה'

(השואל; עס שטייט אין זוהר אית מאן דלעי "באורייתא"?) מאטערן זיך אין די 'תורה' - די תורה איז 'קיום התורה'! ס'איז איין זאך, ס'איז אלס איינס!

דאס איז אויך א סוד אין די וועלט, אז די לומדים וואס מאטערן זיך אין לערנען - זאלן זיך אזוי מאטערן אין דאווענען, וואלטן זיי געווען גרויסע ערליכע אידן!

דאס ווייסן זיי נישט אז מען דארף זיך מאטערן אין דאווענען אויך, זיי ווייסן אז מען דארף זיך מאטערן אין לערנען, אבער אז מען דארף זיך ביים דאווענען מאטערן, און דארט אריינלייגן א יגיעה אין די ווערטער - דאס ווייסן זיי נישט, ווען זיי זאלן דערפון ויסן וואלט ווען געווען א אנדערע תורה אויך, ביי זיי!

*

זיי זאגן דאך פונעם חזון איש, עפעס א אינגערמאן איז געווען אין ירושלים, ער איז אלעמאל געקומען צום חזון איש, האט איהם דער חזון איש געזאגט; "איך וויים נישט - א איד וואס לערנט תורה לשמה מוז ער וויינען ביים דאווענען, "ווי קען זיין ער זאל נישט וויינען ביים דאווענען"?! אויב ער לערנט תורה לשמה, תורה לשמה ברענגט ארוים בכיות ביים דאווענען!

זיי זאגן טאקע, אז ער פלעגט וויינען אסאך ביים דאווענען, ער פלעגט דאווענען מיט בכיות - דער חזון איש.

די תורה הקדושה דאס גיבט אריין א חיות אין דאווענען, און אז ס'דאווענט זיך נישט - איז דער תורה אויך נישט קיין 'תורה לשמה'!

*

(השואל; איר האט געהערט אז ס'איז געווען אמאל אז דער וואס ס'האט געפירט דעם וואגן פון רבי נתן אז ער איז געקומען אין קרעטשמע האט ער דערציילט, 'איך בין געפארן מיט א מענטש וואס האט געוויינט אזוי שטארק ביים דאווענען, אז נישט נאר איך האב געוויינט, נאר די פערד האבן געוויינט?) יא יא, דאס איז ריכטיג, דאס איז ריכטיג, יא יא, "אפילו די פערד האבן אויך געוויינט"! אפילו די פערד האבן אויך געוויינט'! (אחד הנוכחים; ס'האט זיך איהם אויסגעמאלט), יא, וואס דען - אזוי ווי א בעל עגלה מאלט זיך אוים![נז]

*

רבי נתן איז געווען אין גאליציע, עס שטייט דארטן אין די מכתבים,[נח] ער האט דארטן געדאווענט, דארטן איז א רב געווען, א גרויסע מענטש געווען דער רב, "ממילא דער דאווענען" - זאגט ער - "נאר זיין תהילים זאגן, האב איך נאך נישט געהערט!" זיין תהילים זאגן וואס ער זאגט דאס האב איך קיינמאל נישט געהערט'!

*

## "איר האט געהאט א רבי'ן"...

דארטן איז נישט געווען קיין שום התנגדות, דארטן (בגאליציע) איז אזוי געווען ביי רבי נתנ'ען! אה מען האט געלעקט האניג, (אמרו) "איר האט געהאט א רבי'ן, איר האט געלאָקט פון איהם האניג"! 'איר האט געהאט א רבי'ן, האט איר פון איהם געלעקט האניג'!

(השואל; ווער האט עס איהם געזאגט?) דארטן, די חסידים פון דארטן, זיי זענען נאך געווען די חסידים פון רבי אורי סטרעליסקער, האבן זיי געזאגט; "ווען אונזער רבי זאל איצטער לעבן" - עפעס א לשון האבן זיי געזאגט - "וואלט ער אייך" - - - עפעס

---

[נז] עי' שיש"ק ח"ב אות תקצ"ג.

[נח] עי' עלים לתרופה, ממכתב ש"י עד שי"ז.

א געוואלדיגע זאך וואס זיי האבן געהערט פון זייער רבי'ן דאס גרויסקייט פונעם רבי'ן.[נט]

רבי אורי פלעגט זאגן תורה, האט ער געזאגט "אורי אורי - ביל שוין, ביל שוין, ס'איז דא א לקוטי מוהר"ן, און דו ווילסט נאך זאגן תורה"?!

האבן זיי געהערט פון זייער רבי'ן, וויאזוי ער האט געהאלטן פונעם רבי'ן, "ווען דער רבי זאל איצטער זיין, וואלט ער אייך" - - - זיי האבן געוואלדיג געקלעבט אין רבי נתנ'ען, זיי האבן איהם נישט אפגעלאזט בייטאג און ביינאכט, און רבי נתן האט גערעדט פונעם רבי'ן.[ס]

---

[נט] עי' שיש"ק ח"א אות תרנ"א.

[ס] עי' עלים לתרופה, מכתב שי"ג: וּתְהִלָּה לָאֵל קִבְּלוּנִי בְּכָבוֹד קְצָת בִּבְרָאד, וְדִבַּרְתִּי עִם הַחֲסִידִים דְּשָׁם כַּמָּה דִּבְרֵי תּוֹרָה מאדמו"ר זצ"ל, וְהָיָה יָקָר בְּעֵינֵיהֶם מְאֹד, וְכַמָּה אָמְרוּ בְּפֵרוּשׁ שֶׁהֶחֱיֵיתִי מְאֹד אֶת נַפְשָׁם הָרְעֵבָה לְדִבּוּרִים כָּאֵלֶּה, שֶׁאֵינָם נִמְצָאִים בְּשׁוּם מָקוֹם. ושם מכתב שי"ז: וְהִנֵּה תְּהִלָּה לָאֵל הָיִיתִי בִּבְרָאד וּבְלֶעמְבֶּערְג ... וּלְעֵת עַתָּה תְּהִלָּה לָאֵל עָסַקְנוּ שָׁם הַרְבֵּה, וְדִבַּרְתִּי הַרְבֵּה מִנְּעִימוּת נִפְלְאוֹת תּוֹרָתוֹ וּגְדֻלָּתוֹ וְנִשְׂגָּבוֹת מַעֲלָתוֹ, וְהוּטַב בְּעֵינֵיהֶם מְאֹד מְאֹד. וְרֹב הַחֲסִידִים דְּשָׁם קִבְּלוּנִי בְּכָבוֹד גָּדוֹל ... כִּי תְּהִלָּה לָאֵל הֶחֱיֵיתִי אוֹתָם הַרְבֵּה, וְאֶתְמוֹל לִווּ אוֹתִי מִבְּרָאד חֲסִידִים הַרְבֵּה וּגְדוֹלֵי הַחֲשׁוּבִים שֶׁבָּהֶם עַד חוּץ לָעִיר, וְהַרְבֵּה מֵהֶם לִווּ אוֹתִי וְנָסְעוּ עִמִּי עַד הַגְּרֶענִיץ, וּבַדֶּרֶךְ מָשְׁכוּ וְהוֹצִיאוּ מִמֶּנִּי דִּבּוּרִים וְתוֹרוֹת הַרְבֵּה מִתּוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה ... וְנִבְהֲלוּ וְנִרְעֲדוּ מְאֹד, אַחַר כָּךְ בְּעֹצֶם תְּשׁוּקָתָם פָּתַחְתִּי פִּי בְּחַסְדּוֹ וִישׁוּעָתוֹ יִתְבָּרַךְ ... וְכַמָּה בְּנֵי הַנְּעוּרִים הָלְכוּ בְּצַד הָעֲגָלָה וְאַחֲרֶיהָ, כִּי הָלְכוּ בְּרַגְלֵיהֶם מִשָּׁם עַד הַגְּרֶענִיץ שֶׁהוּא קָרוֹב לְפַרְסָה. וְכֻלָּם עָמְדוּ מַרְעִיד וּמִשְׁתּוֹמֵם תְּסַמֵּר שַׂעֲרוֹת בְּשָׂרָם כִּמְעַט שֶׁיָּצְאָה נַפְשָׁם. וְאֶחָד מֵהֶם הָיָה דַּיַּן דִּקְהִלַּת בְּרָאד מֻפְלָג גָּדוֹל בַּתּוֹרָה שֶׁיּוֹדֵעַ לוֹמַר פְּשָׁטִים נִפְלָאִים גְּדוֹלִים בגפ"ת, וְגַם הַשְּׁאָר הָיוּ לוֹמְדִים וַחֲשׁוּבִים, כֻּלָּם נִבְהֲלוּ מִשְּׁמֹעַ לֹא יָדְעוּ מַה לַּעֲשׂוֹת.

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **שמשון צבי פויגעל** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת היכנס בנו לעול התורה והמצוות**

מוה"ר **ישראל בריינעס** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
ולאביו מוה"ר **יעקב בריינעס** נ"י
ולחותנו מוה"ר **חיים ווייס** הי"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו - נכדם למזל טוב**

מוה"ר **נפתלי צבי הלברשטאם** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת היכנס בנו לעול התורה והמצוות**

מוה"ר **יואל** ברי"צ **פריעדמאן** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **יעקב זאב ברזעסקי** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **יהוסף שווארטץ** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **צבי אביגדור לייפער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

לעילוי נשמת רבי **אברהם אלחנן** ב"ר **דוד שלמה** ז"ל **ספעקטאר**
נלב"ע כ"ב טבת תשמ"ג תנצב"ה

לעילוי נשמת ר' **אברהם** ע"ה בן ר' **משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דר"ה תשע"ט תנצב"ה

לעילוי נשמת הרב **אלעזר מרדכי** ב"ר **גדלי' אהרן** זצ"ל **קעניג**
**רב דק"ק ברסלב עיה"ק צפת תובב"א**
ששל"ח כ"ג טבת תשע"ט
תנצב"ה
~ נדבת הב' החשוב כמר **מרדכי יואל אטיאס** נ"י ~

# בקשה מיוחדת לאנשי שלומינו

תהלה להשם יתברך, אשר זה כבר יותר משנה תמימה שנתעוררו כמה מאנשי שלומינו, להתעסק בקדשים ולהוציא לאור בכל שבועיים השיחות היקרות שנשמעו ונאמרו מפי

**הרה"ח רבי לוי יצחק בענדער ז"ל**

**ועוד ידינו נטויה בעזרת השם, וכמובן שדבר נשגב הזה עולה להוצאות רבות, דמים תרתי משמע.**

על כן כדי לחזק את הענין בקשתינו שטוחה לכל אנשי שלומינו היקרים, להשתתף יחד בהוצאות הקונטרסים בסכום חודשי של $10 לכה"פ.

**ולכל אלו שישתתפו יוכלו לקבל בס"ד את הקונטרסים**

**בבי-דואר (2 קונטרסים לחודש)**

**להמעוניינים, וליתר פרטים, אפשר לפנות במס'; 347-232-7166 (1+)**

**Rlyb148@gmail.com**

**...אֲבָל עֵצוֹת אֲמִתִּיּוֹת לְהִנָּצֵל מִבִּלְבּוּל וְעַקְמוּמִיּוּת שֶׁל זֶה הָעוֹלָם, שֶׁמְּעַקֵּם וּמְבַלְבֵּל הַלֵּב בְּלִי שִׁעוּר, צְרִיכִין עַתָּה בַּדּוֹרוֹת הַלָּלוּ לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ מִסִּפְרֵי אדומו"ר ז"ל, וְאֵצֶל תַּלְמִידָיו, וְאֵצֶל תַּלְמִידֵי תַּלְמִידָיו וכו'...**

(לשון מוהרנ"ת ז"ל במכתביו - עלים לתרופה מכתב קס"ו)